STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00901

MAYSES

Naftoli Gross

Permanent preservation of this book was made possible by
An Anonymous Donor

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נפתלי גראָס

מַעשׂות

צייכנונגען
פון
חיים גראָס

נ״יאָרק
1935

TALES

Copyright, 1935
by
NAFTOLI GROSS
NEW YORK, N. Y.

געדרוקט ביי די פאַזי־שאָולזאָן פרעס
19 וועסט 21טע גאַס, נויאָרק, נ. י.
234

מיין ליבן זון
גרשון וואָלף

דידאַקטיקע זאַמלונג „מעשׂות״, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דעם אַרבעטער רינג בילדונג־קאָמיטעט, איז אַ טייל פון די מעשׂות, וואָס איך האָב געשריבן און פאַרעפנטלעכט די לעצטע יאָרן. טייל פון זיי זענען געבויט אַף מאָטיוון און עפּיזאָדן פון פאָלק־מעשׂות.

פאַר וועמען די מעשׂות וועלן זיין מעשׂות און פאַר וועמען — פענסטער, צו זען דורך זיי בילדער פון פרייד און טרויער אין אונזער לעבן.

איך וויל דאָ האַרציק אויסדריקן אַ דאַנק מיין ברודער, דעם סקולפּטאָר חיים גראָס, וואָס האָט מיט זיינע צייכנונגען מיר געהאָלפן פאַרשענערן דאָס בוך.

וואָרן פון אַ מעשה
קאָן מען אויך עפּעס לערנען

דער אָרימער ברודער און דעם מלך שלמהס קלוגע רייד

איכ'ל אייך דערציילן אַ מעשה.

אין די צייטן פון דעם מלך שלמה, ווען יעדער ייד איז זיך געזעסן אונטער זיין פייגנבוים און אונטער זיין וויינשטאָק, האָבן געלעבט צוויי ברידער. איינער איז געווען אָרים, און דער צווייטער — רייך.

דער אָרימער ברודער איז אונטער קיין וויינשטאָק ניט געזעסן. ער איז געווען אַזוי אָרים, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין איינציקע זאַך אויף וואָס ער זאָל קענען זאָגן, דאָס איז זיינס.

אַרבעטן האָט ער געאַרבעט. דער אָרימער ברודער אַרבעט אַלעמאָל. עס איז גאָרנישט ניט געווען קיין שווערע אַרבעט, אַז זי זאָל זיין פאַר אים צו שווער. נאָר אַז ער האָט געזען, אַז זיין גאַנצע מי און טוּאונג איז אומזיסט און ער קאָן זיך נישט דערשלאָגן צו קיין זאַך אין לעבן, האָט ער ביסלעכווייז אָנגעוואוירן דעם חשק (כיישעק) צו אַרבעטן. און אַז ער האָט נאָך צוגעזען ווי זיין רייכער ברודער, וואָס טוט אַליין גאָרנישט ניט, זיצט זיך אונטער זיין פייגנבוים און אונטער זיין וויינשטאָק, און האָט רייכקייט און כּבוד (קאָוועד) און פון אַלעמגוטן — האָט ער טאַקע אינגאַנצן אופגעהערט עפּעס צו טון. וואָרן צו וואָס זאָל ער עפּעס טון, צי האָט ער דען וואָס פון זיין אַרבעט?

דער אָרימער ברודער האָט ערשט איצט אָנגעהויבן צו זען די אומגערעכטיקייט אין לעבן. און ער האָט זיך אַזוי אָפּגעלאָזן אויף גאָטס באַראָט, אַז ער האָט פאַרלוירן יעדע חרפּה (כאַרפּע)

און בושה פֿאַר מענטשן און פֿאַר זיך. אַזוי איז שוין, אַז אַ מענטש לאָזט זיך אָפּ, הערט ער זיך אויף צו שעמען, און אַז מע הערט זיך אויף צו שעמען, טוט מען זאַכן, וואָס מע דאַרף אַוודאי נישט טון.

דער אָרימער ברודער האָט אָנגעהויבן גיין איבער די הייזער און האָט געבעטלט. ביי איינעם האָט ער געגעסן, ביי אַ צווייטן — געטרונקען, און ביי אַ דריטן — עפּעס אַנדערש. מייסטנס איז ער אָבער געגאַנגען צו זיין רייכן ברודער. ער איז דאָך אַ ברודער.

נאָר דאָס האָט דעם רייכן ברודער דייקע פֿאַרדראָסן. וואָס איז, וואָס קומט ער עפּעס כּסדר (קסיידער) נאָר צו אים בעטלען? און פֿאַרוואָס זאָל ער אים שענקען? אים שענקט מען עס עפּעס אומזיסט?

אַזוי איז שוין דער רייכער ברודער. סע דאַכט זיך אים, אַז מע קומט כּסדר נאָר צו אים. און אים ווילט זיך נאָר וויסן, פֿאַרוואָס ער זאָל עפּעס שענקען און, צי שענקט מען אים עפּעס אומזיסט? זאָל ער נאָר אַרויסגיין בעטלען, וועט ער שוין זען. דעמאָלט וועט ער שוין אַוודאי וויסן און פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס און פֿאַרוועןְ.

דער רייכער האָט אָבער נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס און פֿאַרוועןְ. ער האָט יעדעסמאָל, בעת זיין ברודער איז געקומען, געשריגן און זיך געבייזערט. נאָר וואָרט, ער ווייסט שוין וואָס ער וועט טון. איינמאָל, צווייםאָל, גוט, איצט איז די צייט.

דער אָרימער ברודער איז געקומען צו גיין. געקומען — פֿרעגט אים דער דינער:

— וואָס ווילסטו?

— עסן. — וואָס דען וויל דער אָרימער ברודער, אַז ער איז הונגעריק?

— ברויט און וויין ווילסטו ? — פרעגט ווייטער דער דינער.

— ברויט און וויין.

— עפן דאָס מויל, וועסטו קריגן ברויט און וויין.

דער אָרימער ברודער ווייסט נעבעך נישט וואָס סע טוט זיך מיט אים און ער עפנט דאָס מויל ווי אַ תּם (טאָם). אַזוי איז, אַז מע לאָזט זיך אָפּ ווערט מען אַ תּם און מע ווייסט נישט וואָס מע טוט. אַז ער האָט צעעפנט דאָס מויל, גיט אים דער דינער אַ גאָס אָן עמער וואַסער גלייך אין מויל אַריין.

דער אָרימער ברודער האָט זיך שיר דערוואָרגן. אַז ער איז געקומען צו זיך, איז ער שוין געווען אַזוי אויסגעניכטערט, אַז ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. טאַקע, ווי אַזוי האָט ער זיך דאָס געלאָזט אַזוי אָפּנאַרן ?

ער, דער אָרימער ברודער, האָט איצט גענומען טראַכטן זייער קלוגע זאַכן. ער האָט געטראַכט, וואָס אַסך האָבן שוין פאַר אים געטראַכט און וואָס ער אַליין האָט שוין פילמאָל פריער געטראַכט : פאַרוואָס איז זיין שלעכטער ברודער רייך, און ער — אָרים ? און פאַרוואָס איז גוט דעם שלעכטן, און שלעכט — דעם גערעכטן ? ער קאָן דאָס גאָרנישט ניט פאַרשטיין.

טראַכט ער, דער אָרימער ברודער, און טראַכט, ביז ער האָט זיך דערטראַכט : ער וועט גיין פרעגן דעם מלך שלמה. וואָרן ער האָט געהערט אַסך דערציילן פון שלמה המלכס חכמה. דער מלך שלמה וועט אים אָוודע ענטפערן אָף זיינע טראַכטענישן.

איין שיינעם טאָג הייבט ער זיך אוף און גייט אַוועק צום מלך שלמה. אָפן וועג גייט ער דורך אַ וואַלד, באַגעגנט ער אַ וואָלף. פרעגט אים דער וואָלף :

— מענטש, וואוהין גייסטו ?

—צום מלך שלמה.

— איך וויל דיך עפּעס בעטן, מענטש. פרעג אים פאַרוואָס איך בין אַלעמאָל הונגעריק. איך האָב שוין געגעסן פון אַלע לע־בעדיקע באַשעפענישן און איך בין נאָך אַלץ הונגעריק.

— גוט, איכ׳ל פרעגן. נאָר זיי אַזוי גוט און פיר מיך, וואָלף, דורך דורך דעם וואַלד. עס איז אַ מורא צו גיין אַליין דורך אַ וואַלד מיט אַזיינע ביימער און וועלף.

— גוט, קום.

און דער וואָלף גייט מיט דעם אָרימען ברודער ביז זיי זענען געקומען אַף דער אַנדערער זייט וואַלד. דאָ האָבן זיי זיך צע־זעגנט. דער וואָלף האָט זיך אומגעקערט צוריק אין וואַלד אַריין, און דער אָרימער ברודער איז זיך אַוועק ווייטער אַף זיין וועג.

גייט ער, דער אָרימער ברודער, און גייט אַזוי מיטן וועג, ביז ער קומט צו צו אַ בוים. און דאָס איז געווען אַ גרויסער עפּל־בוים. נאָר פון איין זייט האָט ער געטריקנט. פרעגט אים דער בוים:

— מענטש, וואוהין גייסטו?

— צום מלך שלמה.

— מענטש, איך וויל דיך עפּעס בעטן. איך האָב געהערט, אַז דער מלך שלמה איז אַ גרויסער חכם (כאָכעם), פרעג אים פאַרוואָס מיר טריקנט מיינע אַ זייט.

— גוט, איכ׳ל עס דיר אַוואַדע טון און פרעגן. גיב מיר מיט אַביסל עפּל אַפן וועג, וואָרן צו שלמהן איז נאָך אַוואַדע ווייט.

— גוט. נעם ריים דיר אָן אַביסל עפּל, און גיי, עס געזונט.

דער אָרימער ברודער רייסט זיך אָן אַביסל עפּל, עסט און לייגט אויך אַריין אין זיין טאָרבע אַריין צו האָבן אַפן וועג, און גייט זיך ווייטער.

ער גייט אַזוי און גייט, ביז ער קומט צו צו אַ וואַסער. גייט ער אַריין אין וואַסער אַריין און וויל אַריבערגיין.

— מענטש, מענטש, — דערהערט ער אַ קול פון אַ פיש אין וואַסער, — וואוהין גייסטו, מענטש?

— צום מלך שלמה גיי איך.

— איך בעט דיך, מענטש, פרעג אים, דער מלך שלמה איז דער גרעסטער חכם, וועט ער דאָך אַוודאי וויסן: פאַרוואָס טוט מיר וויי דאָס לינקע אויג?

— איכ'ל זיכער נישט פאַרגעסן, פיש, און וועל אַוודאי פרעגן. און טאַקע גוט וואָס דו ביסט דאָ. טראָג מיך אַריבער דאָס וואַסער. סאַ מורא ווי טיף עס איז.

— אַוודאי. זעץ דיך אויף אויף מיין רוקן, און ביסט שוין אויף דער אַנדערער זייט.

דער פיש איז אַריבערגעשוואומען מיט דעם אָרימען ברודער אויף דער אַנדערער זייט, און זיי האָבן זיך צעזעגנט. דער פיש איז זיך אַוועק צוריק אין וואַסער אַריין, און דער אָרימער — ווייטער אויף זיין וועג צום מלך שלמה.

גייט דער אָרימער ברודער און טראַכט פון דעם פיש, פון דעם בוים און פון דעם וואָלף. דער אָרימער ברודער האָט לייכט פאַרנומען דאָס קול פון די ליידנדיקע, און ער האָט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך. זייערע ליידן זענען אים געוואָרן פונקט ווי זיינע אייגענע. וואָרן אַזוי איז שוין — דער וואָס ליידט אַליין, פאַר־שטייט און פילט מיט מיט די לייד פון דעם אַנדערן.

גייט ער און טראַכט, און גייט ביז ער קומט קיין ירושלים צו שלמהן, דעם מלך איבער די יידן.

און שלמה איז געזעסן אויף זיין קעניגלעכן שטול מיט די גילדענע לייבן אויף ביידע זייטן. זיי האָבן אויסגעזען אַסך שענער ווי זיי זענען אויסגעמאָלן אין די ביכלעך. און שלמה האָט געמשפּט (געמישפּעט) צווישן מענטש און מענטש און צווישן איין חבר און דעם צווייטן.

דער פיש מיט דעם אָרימאַן ברודער

דער אָרימאַן הערט ווי שלמה משפּט און אַ וואָרימקייט צעגיסט זיך איבער זיין אָרימען לייב. און אַז סע קומט זיין צייט צו רעדן, עפנט זיך זיין פאַרביטערט האַרץ און ער דערציילט אַלע זיינע געדעכטע און קלוגע טענות (טײַנעס).

שלמה הערט אויס, הייסט אים זעצן זיך, און אַליין הייבט ער אָן רעדן פון רייכקייט און פון אָרימקייט, פון דעם גערעכטן און שלעכטן. לויטער קלוגע רייד, וואָס שרייבער מיט גילדענע גריפלען אין האַנט פאַרשרייבן ביז אַף היינטיקן דור (דאָר). און שלמה ענדיקט:

— קער דיך אום אַהיים, און געדענק: אַרבעט מאַכט זיס דאָס לעבן; און ווער סע זייט אין טרערן, שניידט מיט געזאַנג.

פאַרנייגט זיך דער אָרימאַן מיט אַ פריילעך האַרץ. איצט איז ער שוין געוועזן גאָר אַן אַנדער מענטש. וואָרן עס איז נישטאָ קיין בעסערע היילונג פאַר אַ צעבראָכן האַרץ, ווי קלוגע טרייסט־ווערטער. און דער אָרימאַן זאָגט:

— מלך, איך וויל דיך נאָך עפּעס פרעגן.

—פרעג.

דער אָרימאַן פרעגט אים איצט וואָס דער וואָלף האָט אים געפרעגט און וואָס דער בוים און דער פיש האָבן אים געבעטן פרעגן ביי שלמהן.

אַז דער מלך שלמה האָט אים געענטפערט, פאַרנייגט ער זיך נאָכאַמאָל און גייט אַרויס. דער אָרימאַן האָט זיך אומגעקערט מיט דעם זעלביקן וועג אַהיים. גייט ער און גייט, ביז ער קומט צו צוריק צום וואַסער.

— מענטש, נו, וואָס האָט דער מלך שלמה געזאָגט?

—שלמה האָט געזאָגט, אַז אין דיין לינקער זייט אונטער דעם קימען (זשעברע) מוז עפּעס ליגן. נעם עס אַרויס, וועט דיר דאָס אויג מער נישט וויי טון.

— איך בעט דיך, מענטש, טו מיר די טובה, און העלף מיר.

דעם אָרימאַן קומען גלייך אַפן זין דעם מלך שלמהס קלוגע רייד, אַז דער גערעכטער פּילט דאָס לעבן פון יעדער באַשעפעניש. און ער שטעקט אַריין די פינגער דעם פיש אונטער דעם קימען און נעמט פון דאָרט אַרויס אַ פּערל.

דעם פיש איז גלייך געוואָרן לייכטער.

— אַ דאַנק דיר, מענטש. און דערפאַר, וואָס דו האָסט מיר געהאָלפן, שענק איך דיר דעם פּערל.

און דער פיש האָט אים אַריבערגענומען אַף דעם אַנדערן ברעג, און זיי האָבן זיך געזעגנט.

דער פיש איז זיך אַוועק צוריק אין וואַסער אַריין, און דער אָרימאַן — אַף זיין וועג צוריק אַהיים, מיט דעם פּערל אין האַנט, און טראַכט זיך פון שלמהס קלוגע רייד.

ער גייט אַזוי און גייט, ביז ער קומט צו צום עפּלבוים.

— מענטש, נו, וואָס האָט שלמה געזאָגט?

— שלמה האָט געזאָגט, אַז אַף איין זייט אונטער דיינע וואָרצלען מוז עפּעס ליגן. נעם עס אַרויס, וועלן דיינע וואָרצלען זיך קאָנען אויסציען אין דר'ערד, און דו וועסט ווידער וואַקסן.

— מענטש, איך בעט דיך, טו מיר שוין די טובה און העלף מיר.

טראַכט דער אָרימאַן פון שלמהס קלוגע רייד: ווער סע פאַראַכט זיין שכן — איז אַ נאַר; און אַ בוים און אַ חיה (כייע) זענען דאָך דעם מענטשנס שכנים, לאָזט ער זיך קיין צווייטמאָל נישט בעטן. ער שטעלט זיך גראָבן און גראָבט, ביז ער געפינט אונטער די וואָרצלען פון בוים אַ גרויסן טאָפּ. און דער טאָפּ איז געווען אַזוי שווער, אַז ער האָט אים קוים אַרויסגע־שלעפּט. און אַז ער גיט אַ קוק אין טאָפּ אַריין, ערשט — ער איז פול מיט גאָלד און זילבער.

דעם בוים איז איצט געוואָרן גראָמער אין דר׳ערד, און פּריי־ער, און ער זאָגט:

— אַ דאַנק דיר מענטש. און דערפאַר וואָס דו האָסט מיר געהאָלפן, שענק איך דיר דעם טאָפּ מיטן גאַנצן גאָלד און זילבער, און נעם דיר אויך עפּל וויפל דיין האַרץ גלוסט.

דער אָרימאַן האָט זיך גענומען אַביסל עפּל צום עסן, און דעם טאָפּ אַפן אַקסל, און גייט זיך גאָר אַן אַנדערער אַפן וועג אַהיים.

ער גייט און גייט, און אַז ער גיט אַ טראַכט אָן דעם וואָלף, וואָס וואַרט אויך אַף אַן ענטפער, קומען אים גלייך אַפן זינען שלמהס קלוגע רייד: קריך נישט מיט קיין געזונטן קאָפּ אין קיין קראַנקן בעט אַריין. און ער פאַרנעמט זיך אַף אַ זייטיקן וועג, כּדי זיך נישט צו באַגעגענען נאָכאַמאָל מיטן ווילדן וואָלף.

און ער האָט טאַקע דאָסמאָל גוט געטון.

דער אָרימער ברודער איז בשלום (בעשאָלעם) געקומען אַהיים. ער האָט זיך אופגעשטעלט אַ שטוב, זיך גענומען אַ ווייב, און האָט זיך אָנגעהויבן פירן ווי אַ לייט.

דער רייכער ברודער הערט די מעשה מיט זיין אָרימען ברו־דער, און ער גלייבט זיך עפּעס נישט. אַז ער הערט אָבער נאָכ־אַמאָל און נאָכאַמאָל ווי זיין אָרימער ברודער איז אופגעריכט געוואָרן, קאָן ער זיך שוין מער נישט איינהאַלטן און גייט אַליין זען און הערן.

און קומען קומט דער רייכער צום אָרימען גלייך גאָרנישט ניט, אַזוי זיך, גראַדע פאַרבייגעגאַנגען. ער רעדט און פרעגט, ווי סע וואָלט אים קלוימערשט נישט שטאַרק געאַרט. און צום סוף גייט ער טאַקע אַוועק מיט גאָרנישט ניט.

די מעשה מיט זיין אָרימען ברודער איז דאָך אָבער נישט אַזוי פראָסט, און זי גיט אים נישט קיין רו.

דער אָרימער ברודער גראָבט אויס אַ טאָפּ גאָלד

אין אַ וואָך אַרום גייט ער נאָכאַמאָל צו זיין ברודער. נאָר דיזעלבע מעשה. דערנאָך וואַרט ער שוין בלויז דריי טעג, און גייט ווידער. נאָכדעם קומט ער שוין צום ברודער אַ טאָג נאָך אַ טאָג. און רעדן רעדט ער וואָסאַמאָל מער און ברידערלעכער. זיי זענען דאָך ברידער.

אַז דער אָרימער ברודער זעט אַזאַ מעשה, טראַכט ער פון דעם מלך שלמהס רייד: דערוווייטער נישט קיין מענטשן פון לערנען. וואָרן פון אַ מעשה קאָן מען אויך עפּעס לערנען. און ער דערציילט אים די גאַנצע מעשה פון אַלעף ביז תּאָוו. די מעשה מיטן וואָלף, און די מעשה מיטן בוים און מיטן פיש, און פון דעם מלך שלמה.

דער רייכער ברודער הערט, און אין זיינע אויגן גליט שוין גאָלד. ער זעט פאַר זיך אונטער יעדן בוים טעפּ מיט גאָלד, און אין יעדן וואַסער — פיש מיט פּערל. ער וואָלט שוין אויסגעכאַפּט אַלע פיש און אויסגעגראָבן אַלע ביימער. ער קאָן זיך קוים איינ- האַלטן. ער וואָלט שוין געלאָפן. נאָר זאָגן זאָגט ער וועגן דעם גאָרנישט ניט. מאַכט זיך, גלייך סע געפעלט אים נאָר די מעשה.

דער אָרימער ברודער זעט אָבער וואָס אין זיין ברודערס האַרץ טוט זיך, און ער דערמאָנט זיך שלמה המלכס קלוגע רייד: ווער סע האָט אַסך, דער וויל האָבן נאָך מער. נאָר אים, וואָס אַרט עס אים?! ער וויל נישט מער. דאַנקען גאָט, ער האָט גענוג.

דער רייכער ברודער איז נאָך דעמזעלבן טאָג אַוועק אָפן וועג קיין ירושלים. ער גייט און גייט, ערשט — אים קומט אַנט- קעגן אַ וואָלף. און דאָס איז טאַקע געווען דער וואָלף, וואָס האָט געוואַרט אָף אַן ענטפער פון דעם מלך שלמה.

— מענטש, נו, וואָס האָט דער מלך שלמה געזאָגט?

דער וואָלף האָט געמיינט, אַז דאָס איז דערזעלבער מענטש. וואָרן ביי אַ הונגעריקן וואָלף האָבן אַלע לעמער איין פּנים.

דער אָרימער ברודער און דעם מלך שלמהס קלוגע רייד

דער רייכער האָט זיך זייער דערשראָקן: אַ וואָלף! און ער דרייט זיך אוים און הייבט אָן לויפן. און דער וואָלף — נאָך אים. דער וואָלף איז זיכער געווען, אַז דאָס איז שלמהס ענטפער.

אויפן אַנדערן טאָג האָבן זיינע אייגענע פּאַסטעכער געפונען די קליידער. זיי האָבן דערקענט די קליידער פון זייער באַלעבאָס און האָבן גלייך פאַרשטאַנען וואָס סע האָט געטראָפן. און אַז דער אָרימער ברודער האָט געהערט די מעשה מיט דעם אומגליק, האָט ער ווידער געמוזט טראַכטן פון דעם מלך שלמהס קלוגע רייד: פון אומגליק ווערט געראַטעוועט דער גערעכטער, און אויף זיין פּלאַץ פאַלט אַריין דער שלעכטער.

דער רייכער ברודער און דער וואָלף

די כלה, דער חתן מיט זיינע געזעלן, און דער מלך, דער אַכזר, אַף דער אַנדערער זייט פון די פינסטערע בערג

אַמאָל האָט אַ מלך געהאַט — און וואָס האָט אַ מלך אַמאָל נישט געהאַט? — אַן איינציקע טאָכטער האָט געהאַט דער מלך. זי איז געווען אַזוי שיין, שענער פון אַלע פּרינצעסנס. איר פֿאָטער, דער מלך, איז געווען שטאָלץ מיט איר. און כּדי (קעדיי) אַלע זאָלן וויסן סאַראַ שיינע טאָכטער ער האָט, האָט ער געלאָזן אויסרופן פֿאַר דער גאַנצער וועלט — איין קליינ־קייט:

דער יונגערמאַן, וואָס וועט טרעפן וואָסער געבער־צייכן סע האָט זיין טאָכטער, דעם וועט ער געבן די שיינע פּרינצעסן זיינע פֿאַר אַ ווייב. ווער ס'עט אָבער ראָטן און נישט טרעפן דעם געבער־צייכן, דער וועט ווערן אַ לאָס, אַ קאָלב — וואָס דען וועט אַזיינער ווערן, אַז ער קאָן נישט טרעפן אַזאַ קליינ־קייט?! — אָדער אַזיינעם וועט מען אַראָפּנעמען דעם קאָפּ.

דידאָזיקע וואונדערלעכע נייעס האָט אָנגעהויבן גיין פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף, און האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. טויזנטער יונגעלייט האָבן אָנגע־הויבן קומען פון אַלע זייטן פון דער וועלט אין דעם מלכס (מיי־לעכס) שטאָט אַריין. וואָרן וואָס פֿאַר אַ קלוגער יונגערמאַן אַמאָ־ליקע צייטן האָט דאָס נישט געוואָלט קריגן קיין פּרינצעסן פֿאַר אַ ווייב? טויזנטער בחורים (באָכערים) האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן, און האָבן געפּרואווט זייער מזל. נאָר אומזיסט, קיינער האָט נישט געטראָפן. און עס איז געווען ווי דער מלך האָט געזאָגט: אַסאַך יונגעלייט זענען געוואָרן לעמער, קעלבער, און אַסאַך האָט מען אַראָפּגענומען זייערע קעפּ.

דערווייל גייט אַוועק אַ צייט.

און אין אַ ווייטן, פאַרוואָרפענעם ישוב (יישעוו) האָט גע־לעבט אַ בחור (באָכער). ער איז געוועזן אַ שניידער־געזעל און האָט זיך קוים דערנערט פון דער אַרבעט מיט זיינע צען פינגער. אַז די וואונדערלעכע נייעס האָט דערגרייכט אויך אַהין, אין דעם פאַרוואָרפענעם ישוב, איז דאָס דעם בחור שטאַרק אין קאָפּ אַריין. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט מעשות. מעשות פון קי־ניגן, חכמים און בעטלער, פון געפאַלענע און דערהויבענע, מעשות פון זעלטענע גליקן: פון פרינצן, וואָס זענען געוואָרן בעטלער, און פון בעטלער, וואָס זענען געוואָרן פרינצן; מעשות פון נאַראָ־נים, וואָס זענען געווען קליגער פון די גרעסטע חכמים, און פון חכמים, וואָס זענען געווען אמתע נאַראָנים.

דער בחור האָט שוין איצט געטראַכט נאָר פון איין זאַך. פון דעם מלכם טאָכטער מיט דעם געבער־צייכן. אים האָט אָנגענומען אַ גרויסער חשק (כיישעק) צו קריגן די פרינצעסן פאַר אַ ווייב.

איין שיינעם טאָג נעמט דער בחור זיין שער און נאָדל, הייבט זיך אוף און גייט אַוועק. ער ווייסט וואוהין ער גייט. ער גייט גלייך צו דער שטאָט פון דעם מלך. נישט צו טרעפן דער פרינצעסנס געבער־צייכן גייט ער. ניין, נישט דאָס. ער האָט אַ פּלאַן. ער וויל זי נאָר זען און עפּעס פרעגן.

גייט ער און גייט. דער וועג איז געווען אַ ווייטער, און נישט אַזוי לייכט ווי סע רעדט זיך. ער גייט דורך וויסטע וועל־דער און איבער פוסטע פעלדער. אין זון און אין רעגן גייט ער. נאָר כסדר (קסיידער) מיט אַ פריילעך האַרץ. וואָרן אַז אַ מענטש האָט פאַר זיך אַ ציל — וועט אים קיין זאַך נישט שטערן, ער זעט פאַר זיך אַלעמאָל דעם ציל. און דער בחור האָט פאַר זיך אַ ציל. ער מוז זען די פרינצעסן. איז וואָס פאַר אַ באַטרעף

זענען אים די וויסטע וועלדער און פוסטע פעלדער, זון און רעגן? אַז דער ציל איז דאָך ווייטער, און וויכטיקער פון דעם אַלעמען.

גייט ער טאָקע, דער בחור, און גייט. איין פּאַרנאַכט קומט ער צו צו אַ קעסטלעכן הויף מיט שטיבער און שטאַלן און שייערן. און ביי דער ברונע שטייען מיידלעך און שעפּן וואַסער. גייט ער צו און העלפט זיי שעפּן. און ווייל ער איז געווען מיד, פרעגט ער זיי, צי ער וועט קאָנען דאָ איבערנעכטיקן. זאָגט אים איינע פון די מיידלעך, אַז ער קאָן גיין מיט איר, וואָרן אין איר פאָטערס הויז איז דאָ גענוג פּלאַץ אָף איבערצונעכטיקן. דער בחור גייט און בלייבט נעכטיקן אין איר פאָטערס הויז.

באַגינען, דער בחור שטייט אוף און קלייבט זיך אוועק־צוגיין. זאָגט אים דעם מיידלס פאָטער:

— בחור, פאַרבלייב דאָ. איך האָב פעלדער און שאָף. דו וועסט בלייבן, וועל איך דיר געבן מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, און דו וועסט פירן די באַלעבאַטישקייט.

דעם בחור איז אוואַדע שווער זיך אָפּצוזאָגן פון אַזאַ גליק און אוועקגיין. וואָרן וואָס קאָן זיך אַ בחור טאָקע מער ווינטשן ווי אַזאַ טרעף? ער שטאַרקט זיך אָבער — ניין, דאָס איז דאָך נאָר אַ שטרויכלונג אין וועג. ער קאָן דאָ נישט בלייבן. ער דאַרף ווייטער גיין. ער האָט אַן אַנדערן ציל.

און דער בחור גייט טאָקע אוועק. סע האָט גענומען טעג און וואָכן. צום סוף קומט ער אָן אין דער שטאָט פון דעם מלך.

געקומען אין שטאָט אַריין — גייט ער גלייך צום מלכס הויף. און דאָ, דעם אמת געזאָגט, דאָ אין דעם מלכס הויף איז געווען וואָס צו זען: רונדאַרום אים שוויבלט אוןווימלט מיט שאָף און מיט קעלבער, און זיי האָבן פּנימער (פּענימער) ווי ביי מענטשן. נאָר זיי מעקען און בעקען, און שפּרינגען אים אַנטקעגן, ווי זיי וואָלטן וועלן אים וואָרענען און זאָגן, ער זאָל זיך ליבערשט

אין מלכס הויף. די באַשעפענישן מיט פּנימער ווי ביי מענטשן

אומקערן, און נישט איינשטעלן זיין לעבן. וואָרן טאָמער טרעפט ער נישט, וועט זיין סוף זיין פּונקט אַזאַ ווי זייערער.

דער בחור ווערט אַביסל צעמישט. ער פילט, סע נעמט אים אַרום אַ שרעק. ער וואָלט זיך וועלן אומקערן, אַנטלויפן, אַנט־לויפן. נאָר פאַרפאַלן. ער איז שוין דאָ, און פונדאַנען אַנטלויפט מען נישט. וועכטער היטן די טויערן פון דער שטאָט.

דער בחור קומט צו זיך. ער דערמאָנט זיך זיין פּלאַן. און ער קלאַפּט אָן אין די טויערן פון דעם מלך.

מע עפנט דעם טויער און מע פירט אים אַריין. גלייך צו דער פרינצעסן פירט מען אים. די דינער ווייסן שוין צוליב וואָס אַזאַ איינער קומט. אַריינגעקומען — נעמט אים די פרינצעסן אויף גוט און פריינטלעך ווי אַלעמען, און זי זאָגט:

— בחור, ביסטו געקומען מיך נעמען פאַר אַ ווייב?

— ניין, שיינע פרינצעסן. — וואָס דען וועט ער ענטפערן, נאָכדעם ווי ער האָט געזען אַזויפיל לעמער און קעלבער מיט פּנימער ווי ביי מענטשן? אים איז קלאָר געווען וואָס ער האָט צו טון, און ער זאָגט: — ניין, שיינע פרינצעסן. איך האָב גע־הערט, דו רעכנסט חתונה (כאַסענע) צו האָבן, בין איך געקומען דיך פרעגן, צי דאַרפסטו נישט קיין קליידער, אויסשטייער צו דער חתונה?

פּונקט ווי געטראָפן.

די פרינצעסן טראַכט שוין נישט פון קיין חתן (כאָסן). איר גאַנץ טראַכטן איז איצט נאָר פון שיינע קליידער.

— וואָסערע קליידער האָסטו, בחור? — וויל זי גלייך וויסן.

דער בחור ווערט ביי זיך זיכערער, און ער ענטפערט:

— איך האָב אַ קלייד פון מאַרמאָר, אַ העמד פון טוי, און אַ טוך — פון די פעדים פון זונשטראַלן, שטיקעריי — פון לבנה (לעוואָנע) און שטערן, און שיך — פון לויטערסטן גאָלד. די

אַלע זאַכן זענען נישט געוועבט, נישט גענייט און נישט געשמידט. אויב דו ווילסט קויפן די קליידער, שיינע פּרינצעסן, זאָג, און איך וועל זיי דיר ברענגען. דו וועסט זיי אָנמעסטן, און אַז זיי וועלן דיר געפעלן ווערן, שיינע פּרינצעסן, וועלן מיר מיטן פּרייז דורכקומען. אויב זיי וועלן דיר נישט געפעלן ווערן — וועל איך זיי קיינעם נישט ווייזן. איך וועל זיי מיר באַהאַלטן פאַר מיין כלה.

די פּרינצעסן הערט און ווערט פאַרבלענדט. פאַר אירע אויגן זעט זי עפּעס אַזיינע קליידער, וואָס קיינער אין לעבן האָט נאָך נישט געזען. זי קאָן זיך שוין נישט איינהאַלטן. זי הייסט דעם בחור גלייך גיין און ברענגען די קליידער. זי וויל זיי טאַקע שוין האָבן.

דער בחור גייט אַוועק. סע נעמט נישט לאַנג און ער ברענגט צו טראָגן מיט זיך די קליידער — איין גאָט ווייסט וואו ער האָט זיי גענומען.

די פּרינצעסן האָט זיך אָף זיי קוים דערוואַרט. זי טראַכט איצט פון איין זאַך: זי וויל זען ווי די קליידער פּאַסן איר.

דער בחור נעמט איר אָנמעסטן דאָס קלייד — וואונדער-לעך. פּונקט ווי פאַר איר. דערנאָך מעסט ער איר אָן די שיך. ערשט — דער בחור באַמערקט, צו זיין גרוים גליק, — אָף דער קני פון איר רעכטן פוס אַ גילדענעם שטערן. אַלץ האָט אין אים אָנגעהויבן צו שרייען פון פרייד. ווי גליקלעך, ווי גליקלעך ער איז! — ער העלפט איר נאָך אָנמעסטן די אַנדערע זאַכן, דאָס טוך, די שטיקעריי. זעט, אַז אַלץ זאָל ליגן גוט אָף איר. ער האָט זיך שוין נישט וואָס צו איילן. וואָרן איצט איז ער דאָך געווען אינגאַנצן זיכער. און אַלץ איז געוועזן אָף איר ווי אָנגע-מאָסטן.

נאָכדעם רעדן זיי נאָך וועגן פּרייז. די פּרינצעסן באַצאָלט און זי איז גליקלעך מיט די קליידער. נאָר וואָס איז איר גליק קעגן דעם גליק פון דעם בחור ?!

דער בחור נעמט דאָס געלט און גייט אַוועק. אין עטלעכע טעג אַרום קומט ער אויסגעפּוצט, ווי סע פּאַסט פאַר איינעם, וואָס גייט נעמען אַ פּרינצעסן פאַר אַ ווייב. ער קלאַפּט אָן אין טויער פון דעם מלך. ער וויל רעדן מיט דעם מלך. מע עפנט דעם טויער און מע פירט אים אַריין. מע ווייסט שוין צוליב וואָס אַזאַ בחור קומט. און דער בחור זאָגט:

— גרויסער מלך, איך בין געקומען, גיב מיר דיין טאָכטער, די שיינע פּרינצעסן, פאַר אַ ווייב.

ענטפערט דער מלך:

— גוט בחור. צי ווייסטו אָבער וואָס מע דאַרף פריער טון צו קריגן מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב ? טראַכט זיך גוט איבער, בחור. אַז דו וועסט איר צייכן נישט טרעפן — ביסטו פאַרלוירן.

דעם בחור טאַנצט דאָס האַרץ פון פרייד. צי דאַרף ער דען טרעפן ? האָט ער נישט געזען אַליין מיט זיינע אייגענע אויגן ? ער פאַרנייגט זיך און זאָגט:

— איך בין גרייט, מיין מלך און שווער. דיין שיינע טאָכ־טער, די פּרינצעסן, האָט אַ גילדענעם שטערן אויף דער קני פון איר רעכטן פוס.

דער מלך ווערט פאַרציטערט. ער חידושט זיך, פונוואַנען ווייסט דאָס דער בחור ? און ער זאָגט:

— בחור, דו ביסט זיכער דער קליגסטער אין גאַנצן לאַנד, אַז דו האָסט געקאָנט אויסגעפינען אַזאַ זאַך. דיר קומט די פּרינ־צעסן פאַר אַ ווייב. נאָר פריער וויל איך, דו זאָלסט נאָך באַווייזן דריי קלוגע זאַכן, אַז אַלע זאָלן זען ווי קלוג דו ביסט, און איך וועל דיר נאָך צוגעבן אַ האַלבע מלוכה.

— זאָג, מלך.

— בחור, גיי איצט אַהיים. מיר וועלן דערוויילפ צוגרייטן די חתונה. און אַז דו וועסט צוריקקומען, דעמאָלט זאָלסטו מיר באַווייזן די דריי זאַכן: אַז דו וועסט קומען, דאַרפסטו טראָגן שיך און דאַך גיין באָרוועס; איך און אַלע גרויסע לייט, מיר וועלן דיר אַרויסגיין אַנטקעגן, דיך מקבל־פנים (מעקאַבל־פּאָנים) זיין. דעמאָלט זאָלסטו צוקומען צו מיר און געבן, דאָך זאָל עס אויסזען ווי דו נעמסט; דו דאַרפסט רעדן און אַלעמען באַגריסן, נאָר קיינער זאָל נישט הערן.

אַלע אין הויף הערן און וואונדערן זיך.

דער בחור גייט אַהיים, נעמט עטלעכע געזעלן, חברים (כאַ־ווײרים) זיינע, און דערציילט זיי די מעשה. ער הייסט זיי נעמען פויקן און טרומייטערס און זיין גרייט. די געזעלן טוען ווי ער הייסט זיי. דערנאָך לאָזן זיי זיך אַלע אַוועק צו דער שטאָט פון דעם מלך.

בשעת דער בחור מיט זיינע חברים זענען אַפן וועג, האָט דערוויילפ אין דער שטאָט פון דעם מלך געטראָפן גאָר אַ נייע מעשה.

און אָנהייבן הייבט זיך אָן די מעשה אַזוי:

אין דעם לאַנד אַף דער אַנדערער זייט פון די פינסטערע בערג איז געווען אַ מלך, אַן אַכזר. ער האָט שוין לאַנג געהערט פון דער שיינער פרינצעסן, און האָט געגלוסט נאָך איר און זי געוואָלט פאַר אַ ווייב. ער האָט שוין עטלעכע מאָל געשיקט צו דער שיינערס פאָטער, דעם מלך, אים זאָגן, אַז ער זאָל אים געבן זיין טאָכטער. און איצט, אַז דער אַכזר האָט געהערט די נייעס מיט דעם בחור — וואָרן די נייעס מיט דעם בחור האָט זיך צעטראָגן איבער גאָר דעם גאַנצן לאַנד, און איבער די ווייטסטע, געמאַרקן אַרויס, און אַלע האָבן זיך דערציילט וואונדערלעכע

מעשות פון דעם בחור, פון זיין חכמה, און וויאַזוי ער האָט דערראָטן דער פּרינצעסנס צייכן. און כאָטש קיינער האָט אין דעראמתן (דערעמעסן) נישט געוואוסט וויאַזוי דער בחור האָט געטראָפן. האָט אָבער יעדער מעשה־דערציילער געהאַט אַן אַנדער שיינע מעשה צו דערציילן פונוועגן דעם. און די מעשות האָבן אויך דערגרייכט דעם מלך, דעם אכזר, אַף דער אַנדערער זייט פון די פינסטערע בערג. שיקט ער גלייך אַוועק שלוחים — קלוגע לייט — צו דעם מלך פון דער שיינער טאָכטער.

און זיי, די קלוגע לייט, האָבן מיטגענומען מיט זיך צען יינגלעך און צען מיידלעך, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין איין טאָג און אין איין און דערזעלבער שעה (שאָ). און די יינגלעך און מיידלעך האָבן אויסגעזען ווי סע זעט אוים אַ צווילינג — אַלע גלייך. און אָנגעטון זענען זיי אויך געווען אַלע גלייך אָנגעטון.

קומען די קלוגע לייט צו דעם מלך, וואָס האָט די שיינע טאָכטער, און זיי זאָגן צו אים אין דעם נאָמען פון זייער מלך, דעם אכזר:

— טרעף, וועלכע פון די קינדער זענען יינגלעך און וועלכע מיידלעך? — אויב דו וועסט טרעפן — איז גוט, אויב נישט — געהערט דיין טאָכטער אונזער האַר, דעם מלך.

דער מלך קוקט און קוקט, און קאָן נישט טרעפן. טאַקע ווי קאָן מען טרעפן, אַז זיי זעען אַלע אוים גלייך!

רופט ער צונויף אַלע זיינע ראָטהאַרן און חכמים, ווייזט זיי די גלייכע יינגלעך און מיידלעך, און הייסט זיי טרעפן. קיי־נער קאָן אָבער נישט טרעפן.

וואָס טוט מען איצט? דער מלך און זיין טאָכטער ווייסן וואָס פאַר אַן אכזר יענער איז. און אַז דאָס מיט די יינגלעך און מיידלעך — איז בלויז אַ ליסטיק שפּיצל זיינס, כדי צו קריגן די שיינע פּרינצעסן. אָבער די פּרינצעסן געהערט דאָך שוין אַן

אַנדערן, דעם בחור. וועט דער בחור דען איצט שווייגן אַזאַ זאַך? מע דאַרף וואַרטן ביז ער וועט קומען. און לאָמיר טאַקע הערן וואָס ער וועט זאָגן וועגן דעם.

און דערווייל איז געקומען די צייט, וואָס דער בחור דאַרף צוריקקומען און באַווייזן די דריי זאַכן. יעדן טאָג שיקט דער מלך דינער — אויסלוגערס, זען, צי דער בחור קומט.

איין טאָג דערזעען די אויסלוגערס, אַז דער בחור קומט. לויפן זיי אָנזאָגן דאָס דעם מלך.

אַ פרייד איז דורך דורך דער שטאָט.

אַלע לאָזן זיך גיין דעם בחור מקבל־פנים זיין. דער מלך אַליין, און אַלע זיינע ראָטהאַרן און עלטסטע, גייען פאָרויס.

דער בחור גייט צו דער שטאָט, און די שטאָטלייט מיט דעם מלך — פון דער שטאָט. גייט מען אַזוי נעענטער איינער דעם אַנדערן אַנטקעגן.

אַז דער בחור זעט, דער מלך איז שוין גאָר נאָענט, נעמט ער און טוט אויס זיינע שיך, בינדט זיי צונויף און לייגט זיי אַריבער אַפן אַקסל.

דאָס איז געווען דער ערשטער איינפאַל: אי ער האָט גע־טראָגן שיך, אי ער איז געגאַנגען באָרוועס.

אַלע האָבן גלייך פאַרשטאַנען. וואָרן שטאָט האָט שוין פריער געהערט די מעשה מיט דעם בחור און די דריי איינפאַלן, וואָס דער מלך האָט אים געהייסן באַווייזן.

אַז דער בחור קומט צו נאָך נעענטער, נעמט ער אַראָפּ זיין הוט און גיט אָפּ כּבוד (קאָוועד) דעם מלך און אַלע זיינע עלטסטע און ראָטהאַרן.

דאָס איז געווען דער צווייטער איינפאַל: אי ער האָט ג ע נ ו מ ע ן, אי ער האָט ג ע ג ע ב ן. ער האָט גענומען דעם הוט און אָפּגעגעבן כּבוד.

דערנאָך שטעלט ער זיך אַוועק, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס רעדן צום מלך און צו אַלעמען. זיינע געזעלן אָבער הייבן אָן אַזוי טרומייטערן און פּויקן, אַז מע קאָן נישט הערן קיין וואָרט.

אַזוי האָט דער בחור באַוויזן אַלע דריי איינפאַלן.

דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען אַלץ. דער בחור באַמערקט, אַז עפּעס איז נישט גלאַט. יעדער איינער טראָגט טאָקע פרייד אויפן פּנים, הינטער איר אָבער איז פאַרגליווערטקייט. וואָרן אין דעראמתן איז ביי יעדן אויפן האַרצן געווען טרויער. און דער בחור האָט דאָס גוט באַמערקט, מחמת (מאַכמעס) דאָס פּנים איז דאָך בלויז אַ שלייער, און הינטער דעם לייכט אַרויס דאָס אמתע אויסזען. און דאָס אמתע פּנים קאָן אַ מענטש בלויז פאַרשלייערן, אָבער נישט אינגאַנצן באַהאַלטן.

און ווי נאָר ער קומט אין קעניגלעכן הויף אַריין, דערציילט אים די כּלה זיינע די מעשה מיט דעם מלך, דעם אַכזר, און פון די יינגלעך און מיידלעך, וואָס ער האָט געשיקט.

זאָגט דער בחור:

— ער וויל זיי זען.

ברענגט מען אים צו פירן די יינגלעך און מיידלעך.

הייסט ער, מע זאָל פאַר זיי אַריינברענגען נאַשערייען: זיסע זאַכן, און נים און מאַנדלען.

אַז מע האָט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט די נאַשערייען, און אַלע קינדער האָבן אָפּירגענומען זייערע הענט פון הינטער זייערע איינהילן, ערשט — טייל פון זיי טראָגט הענטשקעס, און טייל — נישט. און די מיט די הוילע הענט — האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט צו די נים און מאַנדלען, און די, וואָס האָבן געטראָגן הענטשקעס — האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט צו די זיסקייטן.

זאָגט דער בחור צו זיין כּלה:

— זאָג דײַן פֿאָטער, אַז די קינדער, וואָס האָבן אויסגע־שטרעקט זײערע הוילע הענט צו די נים — זענען ייִנגלעך, און די, וואָס האָבן געטראָגן הענטשקעס און האָבן אויסגעשטרעקט זײערע הענט צו די זיסקײטן — זענען מײדלעך.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

אַז דער מלך, דער אַכזר, זעט, אַז זײַן שפּיצל איז אים נישט געלונגען, קומט ער אַלײן און פֿרואווט אַ צווייט שפּיצל:

— איך האָב אַ קלאָץ, ער איז גלײַך אַרומגעהאַקט און איז פֿון טײערן פּימסנהאָלץ. זאָג מיר, וועלכע זײַט איז דער אונטער־שטער טײל, וואו עס זענען געווען די וואָרצלען, און וועלכע זײַט איז דער אײבערשטער טײל, וואו עס זענען געווען די צווײַגן? אויב דו ווייסט — איז גוט, אויב דו ווייסט נישט ביז מאָרגן — איז דײַן טאָכטער מײַנע.

נישט גוט. דער מלך ווייסט נישט. און די ראָטהאַרן זײַנע — אויך נישט. וואָס טוט מען?

די פּרינצעסן דערצײלט דאָס איר חתן, דעם שנײַדער־געזעל. זאָגט ער:

— זאָרג נישט. זאָג דײַן פֿאָטער, ער זאָל הײסן דעם קלאָץ אַרײַנלײגן אין וואַסער אַרײַן. די זײַט, וואָס וועט ליגן טיפֿער אין וואַסער — דאָס איז די אונטערשטע זײַט, וואו עס זענען געווען די וואָרצלען; און די זײַט, וואָס וועט שווימען העכער אויפֿן וואַסער — דאָס איז די אײבערשטע זײַט, פֿון די צווײַגן.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען.

אַז דער מלך, דער אַכזר, זעט, זײַן שפּיצל איז אים ווידער נישט געלונגען, האָט ער שוין גלײַך אויפֿן אָרט אַ דריט שפּיצל. וואָס ער האָט פֿון פֿריער צוגעגרײט. און ער זאָגט:

— איך האָב פֿיר פֿערד. טרעף, ווער פֿון זײ איז די מוטער? וועלכעס — איז דאָס עלטסטע, און וועלכעס דאָס מיטלסטע און

דאָס ייִנגסטע פֿערד? אויב דו וועסט מיר ביז מאָרגן נישט זאָגן — איז דײַן טאָכטער מײַנע.

דער מלך זעט, אַז דער אַכזר טרעט נישט אָפּ, טראַכט מען און מע ראָט זיך, און — מע ווייסט נישט. ביז די כלה דערציילט ווידעראַמאָל דעם חתן אירן, און דער בחור זאָגט:

— סאַ קליינינקייט. זאָג דײַן פֿאָטער, ער זאָל הייסן געבן די פֿערד פֿוטער מיט אַסך זאַלץ. דערנאָך זאָל מען זיי פֿאַר־שפּאַרן אָפּ איבער נאַכט אין שטאַל, און ערשט אָפּ מאָרגן זאָל מען זיי אַרויסלאָזן טרינקען, און איר וועט זען: דאָס פֿערד, וואָס וועט גיין פֿאָרויס — איז די מוטער; דאָס, וואָס וועט גיין נאָך איר — איז דאָס ייִנגסטע; נאָכן ייִנגסטן — דאָס מיטל־סטע, און ערשט צום סוף וועט גיין טרינקען דאָס עלטסטע פֿערד.

אַז דער אַכזר קומט נאָך אַן ענטפֿער, זאָגט מען אים, ווי דער בחור האָט געזאָגט. זעט דאָך דער אַכזר, אַז אויך דאָס־מאָל איז אים נישט געלונגען, ווערט ער אין כּעס און לאָזט זיך אַוועק אַהיים.

אַלע פֿאַרשטייען אָבער, אַז דאָס איז נאָך נישט דער סוף. דער מלך, דער אַכזר, וועט אַזוי לײַכט נישט אויפֿגעבן זײַן לים־טיקן פּלאַן. און אַזוי איז געווען.

ווי נאָר דער אַכזר איז געקומען אין די גרעניצן פֿון זײַן לאַנד, האָט ער אָפּגעשאָסן אַ פֿײַל איבער די פֿינסטערע בערג, און זי איז געבליבן שטעקן פּונקט אין דער שוועל פֿון דער שיינער פּרינצעסן.

און דאָס איז געווען אַ סימן פֿון מלחמה (מילכאָמע).

נאָר דער בחור, דער שניידער־געזעל, זאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך. מיט דער חתונה וועט ער וואַרטן. ער וועט קודם גיין אָפּ מלחמה מיט דעם אַכזר, דעם מלך. ער האָט אַ פּלאַן.

און דער בחור הייבט זיך אויף און גייט אַוועק. זיינע שניידער־געזעלן נעמט ער מיט מיט זיך. דער וועג איז ווייט און גייט איבער די פינסטערע בערג. גייען זיי אַזוי און גייען, און אַז זיי קומען אַפֿן ערשטן פֿון די בערג, ערשט — אַ מענטש זיצט אַפֿן באַרג און שלינגט גאַנצע שטיקער ערד.

זאָגט דער בחור:

— מענטש, דאָס איז אַ וואונדערלעכע זאַך צו שלינגען אַזיינע שטיקער ערד.

ענטפֿערט דער ערד־שלינגער:

ניין, וואונדערלעך איז דאָס, וואָס דער בחור, דער שניידער־געזעל, האָט באַוויזן, און וואָס האָט געקריגן די שיינע פּרינצעסן פֿאַר אַ ווייב, און וואָס גייט אַף מלחמה מיט דעם מלך, דעם אַכזר.

זאָגט דער בחור:

— דער שניידער־געזעל — דאָס בין איך, מענטש. קום מיט מיר. מיר וועלן זיין פֿריינט.

לייגט דער ערד־שלינגער אַוועק די שטיקער ערד, וואָס ער האָט געהאַלטן אין שלינגען, פֿאַרלאָזט זיין באַרג, און גייט אַוועק מיט דעם בחור.

גייען זיי צוזאַמען.

אַז זיי זענען אַריבער איבער דעם באַרג, קומען זיי אָן צו דעם געזאַלצענעם ים. און דאָ זעען זיי — אַ מענטש ליגט איבער דעם וואַסער ביים ברעג, און זופּט און זשליאָקעט די לויפֿנדיקע כוואַליעס. — בלייבן זיי שטיין, און דער בחור זאָגט:

— מענטש, דאָס איז דאָך אַ וואונדערלעכע זאַך אַזויפֿיל געזאַלצן וואַסער אין זיך אַריינצוזשליאָקען.

ענטפֿערט דער טרינקער:

— ניין, גאָרנישט ניט אַזוי וואונדערלעך. וואונדערלעך איז דאָס, וואָס דער שניידער־געזעל האָט באַוויזן, און וואָס האָט

געקריגן די שענסטע טאָכטער, און וואָס גייט איצט מלחמה האַלטן מיט דעם מלך, דעם אַכזר.

זאָגט דער בחור:

— דער שניידער־געזעל — דאָס בין איך. קום מיט אונז. מיר וועלן זיין פריינט.

לאָזט דער טרינקער איבער דעם ים, און גייט אַוועק מיט דעם בחור און דעם ערד־שלינגער. גייען זיי אַלע צוזאַמען אין וועג. גייען און גייען, ערשט — דער בחור דערזעט: אַ מענטש, מיט מילשטיינער אַף די פיס, יאָגט זיך איבער אַ פעלד נאָך האָזן.

שרייט אוים דער בחור:

— אָט דאָס איז אַ וואונדער! לויפן נאָך האָזן מיט מיל־שטיינער אַף די פיס...

דערהערט דער מענטש, דער לויפער, און זאָגט:

— אויך מיר אַ וואונדער! אַ וואונדער איז דאָס, וואָס דער בחור, דער שניידער־געזעל, האָט געטראָפן דער פרינצעסנס געבער־צייכן, און זי דערפאַר געקריגן פאַר אַ ווייב, און וואָס גייט איצט מלחמה האַלטן מיט דעם מלך, דעם אַכזר.

זאָגט דער בחור:

— דער שניידער־געזעל — דאָס בין איך. קום מיט אונז. מיר וועלן זיין פריינט.

לאָזט דער לויפער איבער דאָס פעלד מיט די האָזן און שטייט צו צו זיי.

און דער וועג איז נאָך ווייט. אַ באַרג און ווידער אַ באַרג, אַ טאָל און אַ טייך. ערשט — ווידער אַ נייעס: אַ מענטש ליגט צעלייגט אַף אַ באַרג, מיט אַן אויער צו דר'ערד און הערט זיך צו צו עפּעס. ציקאַווע.

פרעגט דער בחור:

לויפט נאָך האָזן מיט מילשטיינער אַף די פיס

— מענטש, וואָס טוסטו דאָרט?

ענטפערט דער מענטש, דער הערער:

— איך הער זיך צו. די מערעשקעס פירן מלחמה אונטער דר׳ערד, העלף איך זיי, און גיב זיי עצות (אייצעס).

—וואונדער איבער וואונדער! — שרייט אוים דער בחור.

אָבער דער מענטש, דער הערער, ענטפערט אים דאָס, וואָס די פריערדיקע האָבן געענטפערט.

זאָגט אים דער בחור ווער ער איז, און לאַדט אים איין, ער זאָל גיין מיט אים.

דער הערער האָט איבערגעלאָזט זיין בארג מיט די מערעש־קעס, און איז צוגעשטאַנען צו דער חברה (כעוורע).

אַז זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ גאַנג — אַ מהלך (מעהאַלעך), ערשט — שוין ווידער אַ וואונדער: אַ מענטש שטייט מיט אַ בויגן אין האַנט און קוקט אין דער לופט איבער די בערג.

פרעגט אים דער בחור:

— מענטש, וואָס זעסטו דאָרט איבער די בערג?

ענטפערט דער מענטש:

— איך האָב נעכטן אין דער צייט אָפּגעשאָסן אַ פייל איבער די בערג, און ערשט איצט קומט זי צוריק.

— אָט דאָס הייסט אַ שיסער! אַהאַ! — לויבט אים דער בחור און לאַדט אים איין, ער זאָל מיטגיין מיט אים.

דער מענטש, דער שיסער, ענטפערט אים דאָסזעלבע, וואָס די פריערדיקע האָבן געענטפערט, נעמט זיין פייל און בויגן און גייט מיט מיט דעם בחור.

מיט יעדן נייעם מענטשן קומט צו אַ נייע פרייד. דער וועג שווינדט אונטער זייערע טריט. מע פילט נישט קיין מידקייט. מע גייט און מע גייט, און דאַ — שוין ווידער אַ וואונדער:

אַ מענטש דרייט זיך אַרום צווישן אַ שאַרע טויבן און פֿאַרבייט זיי די פֿליגל. און ער טוט דאָס אַזוי פֿלינק, אַז זיי פֿילן אַפֿילו נישט וואָס ער טוט מיט זיי.

דער בחור קאָן זיך נישט איינהאַלטן:

— אַהאַ, סאַראַ וואונדער! סאַראַ וואונדער מיינע אויגן זעען!

אָבער דער מענטש, דער טוישער, ענטפֿערט אים דאָס, וואָס די אַנדערע האָבן אים געענטפֿערט.

דער בחור לאַדט אויך איין אים, דעם טוישער, ער זאָל מיטגיין. און אַז דער טוישער הערט, אַז דאָס איז טאַקע דער בחור, לאָזט ער זיך צוויימאָל נישט בעטן. ער לאָזט איבער די טויבן און שטייט צו צו דער פֿריילעכער חברה.

דערווייל זענען זיי אָנגעקומען אַפֿן סוף פֿון די פֿינסטערע בערג. אָבער דאָ האָט דער בחור דערזען עפּעס אַזיינס, וואָס ער האָט אַפֿילו אין די מעשׂות קיינמאָל נישט געלייענט, און נישט געהערט פֿון אַזאַ זאַך:

אַ מענטש רייסט אויס בערג, און טראָגט זיי איבער פֿון איין פּלאַץ אַפֿן אַנדערן.

פֿרעגט אים דער בחור:

— מענטש, צו וואָס טוסטו דאָס? פֿון אַזאַ נוצלאָזער וואונדערלעכער זאַך האָב איך אַפֿילו אין קיין מעשׂות נישט געהערט.

ענטפֿערט דער מענטש, דער טרעגער:

— אַז ס'איז דאָך אַזאַ פֿרייד איבערצושטעלן די בערג פֿון איין פּלאַץ אַפֿן אַנדערן. נאָר וואונדערלעך איז דאָס, וואָס דער בחור, דער שניידער-געזעל, האָט באַוויזן, און געקראָגן דערפֿאַר די שיינע פּרינצעסן פֿאַר אַ ווייב, און וואָס גייט מלחמה האַלטן מיט דעם מלך, דעם אַכזר.

זאָגט דער בחור:

— דער בחור, דער שניידער־געזעל, מענטש, דאָס בין איך. קום מיט אונז. מיר וועלן אַלע זיין פריינט.

אַז דער מענטש, דער טרעגער, הערט, אַז דאָס איז טאַקע דער בחור אַליין, לאָזט ער איבער די בערג און גייט מיט דעם בחור.

—וואָרן גיין מיט דיר, בחור — זאָגט ער, — און מיט אַלע אַזיינע וואונדערלעכע מענטשן, איז אַוודע פריילעכער.

און וואָס אמת איז אמת. אַ קאָמפּאַניע איז דאָס געווען אַ פריילעכע. אַז די קאָמפּאַניע איז אָנגעקומען צו דעם מלך, דעם אַכזר, זאָגט דער בחור:

— מלך אַכזר, מיר זענען געקומען, — גיב מיר דיין טאָכטער פאַר אַ ווייב.

פרעגט דער אַכזר:

— ווער ביסטו? איך מוז קודם וויסן ווער איר זענט, נאָכדעם וועלן מיר רעדן וועגן מיין טאָכטער.

דער מלך, דער אַכזר, האָט גלייך דערזען וואָס פאַר אַ חברה דאָס איז. אַליין האָט ער זיי טאַקע נאָך קיינמאָל נישט געזען, אָבער ער האָט פון זיי געהערט, און זיי גלייך דערקענט.

פאַלט אים איין אַזאַ שפּיצל:

— איר, חברה, זענט אַוודע הונגעריק, וואָרן איך זע, איר קומט פון אַ ווייטן וועג. אין מיין בעקעריי ליגט ברויט, וואָס די בעקער מיינע האָבן געבאַקן אַכט טעג צייט. אויב איר וועט דאָס ברויט אופעסן אין אַ טאָג — איז גוט, וועלן מיר רעדן וועגן מיין טאָכטער, אויב נישט — האַק איך אייך אַלע אָפּ אייערע קעפּ.

שמייכלט דער בחור צום ערד־שלינגער:

— חבר, באַווייז וואָס דו קענסט. אויב דו קענסט שלינגען ערד — וועסטו מיט דעם ברויט אַוואַדע נאָך גיכער פאַרטיק ווערן.

ענטפערט דער ערד־שלינגער:

— נישט געדייגעט. פאַרלאָז דיך אַף מיר. קיין ברעקל ברויט וועט נישט איבערבלייבן.

די דינער הייבן אָן ברענגען גאַנצע הויפנס גרויסע ברויטן, און ביז זיי קומען מיט די נייע הויפנס — איז פון די ערשטע שוין קיין ברעקל נישטאָ. דער ערד־שלינגער פאַרשלינגט זיי, אַז סע בלייבט נישט איבער קיין סימן פון זיי.

אַז דער אַכזר זעט, זיי האָבן אופגעגעסן דאָס ברויט נאָך שנעלער ווי ער האָט געזאָגט, איז אים גלייך איינגעפאַלן אַ ניי שפּיצל. וואָרן ער איז געווען אַ ליסטיקער, בייזער מענטש. ער האָט געטראַכט בלויז שלעכטס, און ער האָט נאָר געוואָלט קריגן עפּעס אַ תירוץ (טערעץ), זיי אָפּצוהאַקן די קעפּ. וואָרן אויך דער רשע (ראָשע) זוכט אַ וועג צו רעכטפאַרטיקן זיינע מעשים (מייסים). און אַזוי איז דאָס דעם רשעם וועג צו גערעכטיקייט. זאָגט ער צו זיי:

— איצט, אַז איר האָט שוין גוט אָפּגעגעסן, זענט איר דאָך אַוואַדע דאָרשטיק. ביי מיר אין הויף האָב איך זיבן קאַלכגריבער פול מיט וואַסער. אויב איר וועט זיי אויסטרינקען אין אַ טאָג — איז גוט, וועלן מיר רעדן וועגן מיין טאָכטער. אויב נישט — נעם איך אייך אַלע אַראָפּ אייערע קעפּ.

און ער ווייזט זיי אָן אין הויף די זיבן קאַלכגריבער.

שמייכלט דער בחור צו דעם ים־זויפער:

— נו, דו ים־זויפער, איצט איז דיין צייט. אַז דו קאָנסט זויפן פון דעם גאַנצן ים, דעם געזאַלצענעם, וועסטו זיך מיט דעם פרישן טרינק־וואַסער אַוואַדע אַן עצה געבן.

זאָגט דער זויפער:

— פאַרלאָז דיך נאָר אָף מיר. קומט, לאָמיר גיין צו די קאַלכ־גריבער.

אַז זיי קומען אַרויס אין הויף צו די גריבער, צעלאַכט זיך דער ים־זויפער:

— אָט דאָס גאָר! אין זיבן זופּ און — איך בין פאַרטיק. קיין טראָפּן וועט נישט בלייבן.

און אַזוי איז געווען. אין זיבן זופּ איז ער געווען פאַרטיק מיט דעם גאַנצן וואַסער.

אָבער דער אַכזר האָט שוין אַ נײַ שפּיצל:

— איך האָב אַ ווײַנקעלטער אין די בערג. דרײַ טעג ווײַט פונדאַנען. איר מוזט טרינקען פון מײַנע ווײַנען, וואָרן איר זענט גאָר וואונדערלעכע מענטשן. איך וועל שיקן מײַנעם אַ מענטשן, און דו, בחור, שיק דײַנעם אַ מענטשן, ווער סע וועט קומען פריער — דער געווינט. קומט דײַנער פריער — ווען מיר רעדן וועגן מײַן טאָכטער, קומט מײַנער פריער — קריג איך אײַערע קעפּ.

ווידעראַמאָל גוט. איצט איז געקומען די צייט פאַר דעם האָזנכאַפּער, וואָס האָט זיך געיאָגט מיט די מילשטיינער אָף די פּיס נאָך האָזן.

און דער האָזנכאַפּער האָט נישט געוואַרט, דער בחור זאָל אים זאָגן. ער האָט זיך אַליין אויסגערופן צו גיין.

די צוויי לויפערס — דעם אַכזרס לויפער און דער האָזנ־כאַפּער — זענען גלײַך אַוועק אַפן וועג צו די ווײַנבערג. לויפן זיי און לויפן און, אַז זיי זענען אָפּגעלאָפן אַ טאָג, איז דעם אַכזרס מענטש, דער לויפער, געבליבן ווײַט הינטערשטעליק. זעט ער דאָך, אַז ס'איז שלעכט, פאַלט אים אײַן אַ שפּיצל, פונקט ווי דעם מלך זײַנעם. וואָרן אַזוי איז שוין: וואָסער פּי־

רער — אַזאַ געפּירטער. און דערפאַר זאָגט מען טאַקע: וואָסער מלך — אַזאַ מדינה. שרייט דער לויפער צו דעם האָזנכאַפּער:

— הער נאַר, חבר, לאָמיר נישט לויפן אַזוי. לאָמיר ליי־בערשט גיין פּאַמעלעך, וואָרן וואָס דאַרפן מיר זיך איילן? מיר קאָנען זיך אויסרוען, אויב דו ווילסט. קום, לאָמיר זיך טאַקע דאָ אַוועקזעצן אַביסל, דערנאָך וועלן מיר גיין ווייטער.

דער האָזנכאַפּער האָט גלייך געכאַפּט דעם מיין פון די ווער־טער, און אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ שפּיצל. נאָר וואָס אַרט עס אים, טראַכט ער זיך. נישקאָשע, ער מעג זיך דאָך אַוואַדע צוזעצן אַביסל, וואָרן לויפן — זעט ער דאָך — לויפט ער אַסך שנעלער ווי דעם אַכזרס לויפער.

זעצן זיי זיך אַוועק. עסן און טרינקען. און דעם אַכזרס לויפער האַלט אין איין רעדן. דאָס וויל ער אים ווייזן וואָס פאַר אַ פריינט ער איז אים, און אַז ער מיינט נאָר גוטס. אַזוי איז, אַז איינער פילט זיך שולדיק אין עפּעס. און דער לויפער האָט דאָך מיט זיינע רייד נאָר געוואָלט גנבענען די דעה (דייע) ביי דעם האָזנכאַפּער. און אים איז דאָס טאַקע געלונגען.

וואָרן דער האָזנכאַפּער האָט זיך צופיל צוגעהערט. און בעת ער האָט זיך אַוועקגעדרייט, האָט דעם אַכזרס לויפער אים אַריינ־געטון עטלעכע שלאָפטראָפּנס אין געטראַנק. און דאָס איז געווען גענוג. דער האָזנכאַפּער איז גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן.

און אַז דער לויפער זעט, דער האָזנכאַפּער שלאָפט, הייבט ער זיך אויף און לויפט, לויפט מיט אַלע כּוחות, ביז ער קומט צו צו דעם ווינקעלטער אין די בערג. דאָרט פילט ער אָן זיין קרוג מיט וויין, און צוריק גיך, גיך צוריק צו דעם אַכזר.

און דער האָזנכאַפּער שלאָפט.

נישט גוט.

דער הערער אבער, וואס האט געקאנט הערן ווי די מערעש־קעס פירן קריג אונטער דר׳ערד, דערהערט פלוצים ווי נאר איינער פון די צוויי לויפערס לויפט צוריק. און אז ער לייגט צו זיין אויער צו דר׳ערד — הערט ער, ווי א י י נ ע ר שלאפט א טיפן שלאף.

זאגט ער צום בויגנשיסער:

— חבר, גיב נאר א קוק. איך הער, נאר איינער קומט. איז עס דער האזנכאפער, צי דער אנדערער?

קוקט דער בויגנשיסער און זאגט:

— שלעכט, חבר. קומען קומט דעם אכזרס לויפער. ער איז איינגאנצן א טאג ווייט פונדאנען. אונזער האזנכאפער שלאפט אינמיטן וועג. נאר ווארט, נישט געזארגט, ברידער.

און דער בויגנשיסער שפאנט גלייך זיין בויגן און שיסט אפ א פייל, וואס טרעפט מיט דער גאנצער קראפט דעם האזנ־כאפער אין א מילשטיין.

פון דעם קנאק האט זיך דער האזנכאפער גלייך אופגע־כאפט. קוקט זיך ארום, זעט דעם בויגנשיסערס פייל אין איינעם פון די מילשטיינער, און דעם אכזרס לויפער איז נישטא — פאר־שטייט ער, אז מיט אים האט עפעס געטראפן. ווארן ווי קומט עס, וואס ער שלאפט?!

דער האזנכאפער שפרינגט אוף, כאפט זיין קרוג און היידא, גלייך צו דעם וויינקעלטער אין די בערג. און סע האט טאקע נישט לאנג גענומען ביז ער איז צוגעקומען צו דעם וויינקעלטער. ער פילט זיך אן זיין קרוג מיט וויין, און יאגט, און פליט ווי דער ווינט, צוריק, צוריק מיט דעם וויין צו זיינע חברים. און דעם אכזרס לויפער זעט מען נישט אפן וועג, ווארן ער איז געווען ווייט, ווייט. ערשט, אז ער איז געווען שוין נאענט, גאר נאענט

פון דעם ציל, האָט ער אָנגעיאָגט און איבערגעיאָגט דעם בייזן, ליסטיקן לויפער.

געקומען דער האָזנכאַפּער מיט דעם וויין — זעט דאָך דער אַכזר, אַז אַלע זיינע ליסטיקע חכמות (כאָכמעס) געלינגען נישט, פּריוווט ער נאָך די לעצטע. וואָרן דער רשע טרעט נישט אָפּ פון זיין שלעכטן וועג ביז דעם סוף פון זיינע טעג.

און ער זאָגט צום בחור:

— גוט, אַזוי ווייס איך ווער איר זענט. איצט וועלן מיר צוגרייטן אַ סעודה, און מיר וועלן רעדן וועגן מיין טאָכטער.

דאָס גאַנצע הויף איז געגאַנגען אַף רעדער. די בעקער האָבן געבאַקן און די קעכער האָבן געקאָכט. די דינערשאַפט האָט צוגעגרייט דעם שענסטן זאַל, די האַרפנשפּילער און די טענצער האָבן זיך גאַנצע טעג געאיבט, צו זיין גרייט צו שפּילן און צו טאַנצן.

אָבער דאָס איז בלויז געווען דעם אַכזרס לעצט מיטל צו פאַרנאַרן דעם בחור מיט זיינע לייט. וואָרן ער האָט דעם קעכער געהייסן אַריינטון סם אין די טעלער פאַר דעם בחור מיט זיינע געזעלן.

דאָס האָט אָבער דער הערער גלייך דערהערט, און ער האָט עס דערציילט דעם טוישער, וואָס האָט געקאָנט אַזוי פלינק פאַר־בייטן די פליגל ביי טויבן, אַז זיי זאָלן אַפילו נישט פילן.

אַז ס'איז געקומען צו דער סעודה און מע האָט פאַר די געסט אויסגעשטעלט פולע טאַצן מיט טייערע עסנס און מאַכלים (מייכאָלים), האָט דער טוישער גלייך איבערגעביטן די טאַצן מיט די עסנס. די עסנס, וואָס מע האָט זיי, דער חברה מיט דעם בחור דערלאַנגט, האָט ער אונטערגערוקט דעם אַכזר מיט זיינע לייט, און זייערע עסנס, די עסנס פון דעם מלך און זיינע ראָט־האַרן, האָט ער אַוועקגעשטעלט פאַר זיך מיט אַלע זיינע חברים.

און אַזוי איז געקומען אַ סוף צו דעם אַכזר מיט זײַנע ליס־טיקע שפּיצלעך און אײַנפֿאַלן. ער, וואָס האָט געוואָלט אַנדערע פֿאַרסאַמען — איז אַליין מיט אַלע זײַנע לײַט פֿאַרסאַמט גע־וואָרן. דעריבער זאָגט דער חכם: ווער סע גראָבט אַ גרוב פֿאַר אַן אַנדערן, פֿאַלט אין אים אַליין אַרײַן.

איצט איז שוין געקומען די צײַט פֿאַר דעם בחורס פֿרײַנט, די שנײַדער־געזעלן. זיי האָבן צונויפֿגענומען די טײַערסטע זאַכן אין הויף און האָבן אָנגעלאָדן אויף זייערע אָקסלען וויפֿל זיי האָבן געקאָנט. צום מערסטן האָט אָבער גענומען אויף זיך דער טרע־גער, וואָס האָט געקענט איבערטראָגן בערג פֿון איין פּלאַץ אויפֿן אַנדערן. און באַלאָדן מיט אַלעמגוטן האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק איבער די פֿינסטערע בערג.

מער האָט דער בחור שוין נישט געדאַרפֿט. אַז ער מיט זײַנע לײַט זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט פֿון זײַן שווער, דעם מלך, האָבן אַלע געוואַרט אויף זיי. וואָרן אַלע האָבן שוין געוואוסט נאָך מער ווי סע האָט געטראָפֿן. אַזוי איז: אַ גוטער נאָמען און גוטע מעשים גייען דעם מענטשן פֿאַרויס אויף זײַן וועג.

דער מלך אַליין האָט געלייכט פֿון פֿרייד. ער האָט אים געגעבן זײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווייב, און ווען עס איז געקומען צום טיילן די מלוכה, זאָגט דער בחור:

— מײַן שווער און מלך, האַלט פֿאַר דיר מײַן טייל מלוכה, נאָר ריכט־אויף צוריק דידאָזיקע אָרימע נשמות (נעשאָמעס), — און ער האָט אָנגעוויזן אויף די קעלבער און לעמער מיט פּנימער ווי בײַ מענטשן.

און דער, וואָס קאָן בינדן, דער קאָן צוריק אויפֿבינדן. דער מלך, וואָס האָט פֿון די יונגעלײַט געמאַכט לעמער און קעלבער, האָט געהייסן באַשמירן די ליפּן פֿון די אומגליקלעכע מיט

אַזאַ וואונדער־וואַסער, און — יעדער פון זיי האָט צוריק אָנגע־נומען זיין פריערדיקע מענטשלעכע געשטאַלט.

דער בחור האָט זיי אַלעמען פאַרבעטן צו דער חתונה. און אַ חתונה איז דאָס געווען, אַז ביז אויף הייַנטיקן טאָג קאָנען מענטשן נישט געבוג זיך אָנדערציילן פון איר. מע האָט אַכט טעג כּסדר געשפּילט, געטרונקען און געגעסן, און קיינעם נישט פאַרגעסן.

דער ים־זויפער

די מעשה מיט די פיר ברידער און דעם בעטלער

דער טאַטע זייערער, דער, פון די פיר ברידער, איז געווען אַ פראָסטער ייד. ער האָט געהאַט אַן אָרים קלייטל אין אַ ווינקל פון דאָרף. געצויגן קוים חיונה (כיונע). און די פיר זין זענען געוואַקסן און געוואָרן גרעסער. קיין מלאָכה האָבן זיי נישט געקאָנט, און צו עסן איז נישט געווען וואָס. האָבן זיי ביי זיך אָפּגעמאַכט, זיי וועלן זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין זוכן גליק. זיי האָבן געהערט ווי נישט איינער, וואָס איז אַוועק אין דער וועלט אָרים און מיט ליידיקע הענט, איז מיט דער צייט געקומען צוריק רייך און מיט אַלעמגוטן.

טאַטע-מאַמע האָבן מסכּים (מאַסקים) געווען. האָבן די פיר ברידער, אַלע יונגע און געזונטע, זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין צו זוכן זייער גליק אין דער וועלט. יעדער פון זיי האָט געטראָגן מיט זיך אַ לאַבן שוואַרץ ברויט, וואָס די מאַמע האָט זיי מיטגעגעבן, און צו עטלעכע קנאָבל מיט זאַלץ, וואָס איז זייער מזלדיק אַפן וועג.

אַז זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ מהלך (מעהאַלעך), באַגעגענען זיי אַפן וועג אַ בעטלער.

— גאָט העלף, אַלטער.

— גאָט העלף, גוטיאַר, קינדער.

דער בעטלער בלייבט שטיין, הייבט אוף צו זיי דעם קאָפּ, און פרעגט:

— וואוהין גייט מען, קינדער?

ענטפערן זיי:

די פיר ברידער און דער בעטלער

— זוכן ארבעט.

זאָגט דער בעטלער, אַז אויב זיי ווילן, וועט ער גיין צוזאַמען מיט זיי. און ער דערציילט זיי, אַז ער קען דאָ אַלע וועגן, איז שוין געווען דאָ אַסאַכמאָל, ווייסט פון אַלע וועלדער און בערג און טייכן.

די פיר ברידער זענען אַוואַדע צופרידן. אַ גוטע באַגעגעניש. און דער בעטלער גייט שוין מיט זיי צוזאַמען.

גייען זיי אַזוי און גייען, ביז זיי קומען צו צו אַ קוואַל. אַ קלאָרער, פרישער קוואַל. בייגט מען זיך אָן און מע טרינקט: אַ מחיה (מעכאַיע). פון גיין ווערט מען דאָרשטיק. און דאָס וואַסער איז טעם גן-עדן (טאַם גאַניידן). טרינקט מען נאָכאַמאָל. דער בעטלער — אויך.

דערנאָך נעמט איינער פון די ברידער אַרויס אַ שוואַרצן לאַבן ברויט, צערייסט אים אָף עטלעכע שטיקער, גיט דעם בעטלער און די איבעריקע ברידער. עסן זיי, און טרינקען ווידער.

נאָכדעם שטרעקן זיי זיך אויס אָפּן גראָז ביים קוואַל און קוקן גלייך אין הימל אַריין. עס איז געווען אַ לויטערער פרילינגטאָג. שאַרפער בלוי און קליינע ווייסע וואָלקן.

רופט זיך אָן דער עלטסטער פון די פיר ברידער צום בעטלער, און ער זאָגט:

— עך, ווען גאָט וואָלט געהאָלפן און אָט דעם קוואַל געמאַכט פאַר אַ קוואַל וויין, און איך זאָל זיין דער שענקער — איך וואָלט אָן די אָרימע נישט פאַרגעסן.

— זאָל דיר גאָט העלפן, זון, און עס זאָל זיין ווי דו זאָגסט.

און מער האָט מען נישט באַדאַרפט. זיי האָבן גלייך דערשמעקט אַ ריח (רייעך) פון וויין. און אַז זיי האָבן אַ קוק געטון צום קוואַל — האָבן זיי געזען, אַז דאָס קוועלט וויין און נישט קיין וואַסער.

און דער עלטסטער פון די ברידער איז שוין דאָרטן פאַר־בליבן. האָט אופגעשטעלט אַ שטוב איבערן קוואַל, און האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן וויין די דורכגייער און דורכפאָרער.

און עס איז אַוועק גוט. ער האָט מצליח (מאַצליעך) געווען.

די אַנדערע דריי ברידער האָבן זיך נאָך יענעם טאָג אָפּ־געזעגנט מיט אים, און זיי מיט דעם בעטלער זענען אַוועק ווייטער אין וועג אַריין.

אונטערוועגנס זענען זיי צוגעקומען צו אַ באַרג, אַ גרינעם באַרג מיט שווערע ביימער און קילן שאָטן.

גיבן זיך די ברידער אַ צי אויס אָפּן גראָז, דער בעטלער אויך. און דער צווייטער פון די ברידער זאָגט:

—עך, ווען גאָט וואָלט געהאָלפן און ער וואָלט פון דעם באַרג געמאַכט אַ באַרג תּבֿואה (טוואוע), און פון די סאָסנעס און דעמבעס — ווינטמילן. סע וואָלט געווען אַ טייערע זאַך. איך וואָלט אָן די אָרימע, אַלטער, נישט פאַרגעסן.

זאָגט דער אַלטינקער:

— זאָל דיר גאָט העלפן, זון, און עס זאָל זיין ווי דו זאָגסט.

און מער האָט מען נישט באַדאַרפט. זיי האָבן דערהערט מילן מאָלן, און אַ ריח פון תּבֿואה און מעל. און אַז זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָבן זיי געזען, אַז די ביימער זענען נישט קיין ביימער — נאָר מילן, און דער באַרג איז נישט קיין באַרג — נאָר אַ הויפן תּבֿואה.

דער צווייטער פון די ברידער האָט אָנגעהויבן מאָלן מעל, און ער איז געוואָרן אַ מעל־סוחר.

און עס איז אַוועק גוט. ער האָט מצליח געווען. תּבֿואה־סוחרים (סאָכרים) און מעל־סוחרים האָבן אָנגעהויבן קומען פון אַלע עקן.

די אַנדערע צוויי ברידער זענען אָבער נאָך יענעם טאָג אַוועק ווייטער, און דער בעטלער — מיט זיי.

און אַז זיי זענען ווידער אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, זענען זיי הונגעריק געוואָרן.

דערווייל קומען זיי צו צו אַן אויסגעהאַקט וועלדל. זעצן זיי זיך אַנידער, נעמען אַרויס אַ לאַבן שוואַרץ ברויט, עסן, און גיבן אויך דעם בעטלער.

און אין דעם אויסגעהאַקטן וועלדל זענען געווען פייגל און קוואַלן. און פון אַלע זייטן האָט עס געזונגען און געמורמלט. דאָ איז טאַקע גוט זיך אָפּצורוען, און דאָ וואָלט אויך גוט געווען צו בלייבן.

נאָכן עסן זאָגט דער דריטער פון די ברידער צום אַלטינקן:

— ווען גאָט זאָל נאָך העלפן, אַז פון די דאָזיקע פייענעס זאָלן ווערן לעמער און קעלבער. איך וואָלט מיר דאָ פאַרבליבן אַ פאַסטעך. אַן די אָרימעלייט וואָלט איך נישט פאַרגעסן. איך וואָלט פאַר זיי עפּעס געטון.

זאָגט אים דער אַלטינקער:

— זאָל דיר גאָט העלפן, זון, און עס זאָל ווערן ווי דו ווינטשסט דיר.

באותו־רגע האָבן זיי דערהערט אַ מעקן און אַ מוקען. און אַז זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָבן זיי דערזען לעמער און קעל־בער פאַשען זיך, און פאַיען.

און דער דריטער פון די ברידער איז טאַקע דאָ פאַרבליבן. אַרבעט האָט ער שוין געהאַט גענוג, און סע האָט שוין גאָרנישט ניט געפעלט. אַלץ איז אַוועק גוט. ער האָט אויך מצליח געווען.

איצט איז נאָך פאַרבליבן דער יינגסטער פון די ברידער אָן אַרבעט. איז ער מיטן בעטלער אַוועק ווייטער אין וועג אַריין.

דיביימער ווערן מילן

דאָ וועלן מיר זיי ביידן, דעם ייִנגסטן מיט דעם בעטלער, איבערלאָזן אַביסל אויפן וועג, און מירן איבערגיין צו אַ ייִד מיט אַ ייִדינע אין אַ דאָרף, וואוהין דער בעטלער מיט דעם ייִנגסטן פון די ברידער זענען שפּעטער אָנגעקומען.

אין איינעם אַ דאָרף ביים וועג האָט געוואוינט אַ ייִד מיט אַ ייִדינע. אָן אַלט פּאָרפאָלק. פרומע מענטשן. אָרימע, און קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט.

אַז עס זענען אַריבער אַסך יאָרן, זיי האָבן אָנגעהויבן ווערן עלטער, און די צייט פון האָבן קינדער איז אַוועק, האָבן זיי גענומען טראַכטן פון צונעמען צו זיך עפּעס אַ יתום (יאָסעם), אָדער אַ יתומה (יעסוימע). וואָרן קינדער האָט דאָס פּאָרפאָלק ליב געהאַט ווי ס׳לעבן. אַזוי איז שוין.

און אַזאַ עלנט נפש (נעפעש) האָט זיך טאַקע באַלד אָפּגע־זוכט: אַ יתומה, פון אַ דערבייאיק דאָרף. טאַטע־מאַמע גע־שטאָרבן. איז זי איינע אַליין. אָן שוועסטער און אָן ברידער. איז אַף וואָס מער האָט זי געקאָנט האָפן?

און גאָט שיקט יעדן צו זיין פדיון (פּידיען): דעם שענקער זיין וויין, און דעם וועבער זיין ליין; דעם פּאָרפאָלק אַ קינד, און דעם קינד — טאַטע־מאַמע. און זי איז געוואַקסן אין דעם הויז ווי אַן אייגן קינד. מע האָט זיך ליב געהאַט, און געדייגעט איינער פאַרן אַנדערן, טאַטע־מאַמע פאַר איר, און זי — פאַר טאַטע־מאַמע.

אָרים — נאָר גליקלעך.

און אַז דאָס מיידל איז גרויס געוואָרן האָט מען אָנגעהויבן דאגהן (דייגען) וועגן אַ שידוך. און אַ שידוך איז באַלד געוואָרן.

אין דאָרף איז געווען אַ מלמד (מעלאַמעד). אַ וואוילער בחור (באָכער). געקומען פון ווייטע מקומות. אויפן ישוב (יישעוו) צווישן די ייִדן האָט מען אַפילו עפּעס געמורמלט. אָבער דאָך אַ

גוטער מלמד געווען. און אין קורצן האָט מען טאַקע געשריבן תּנאים (טנאָאים) און זיך געגרייט צו דער חתונה (כאַסענע).

חתונה-קליידער האָט זיך דאָס מיידל גענייט אַליין. זי איז געווען אַ געראָטענע, און האָט געהאַט גילדענע הענט. איז קיין התונה-אויסשטייער האָט נישט געקאָסט קיין סך. דערפאַר האָבן יידן געגעבן געלט אַף חתונה-הוצאות מיט אַ פולער האַנט.

פאַר דער חתונה האָט מען אויסגעראַמט אַ שייער, מען האָט אויסגעשטעלט טישן און בענק ווי ביים גרעסטן גביר. יידינעם האָבן געקאָכט און געבאַקן פון כּל-טוב.

און פאַרנאַכט, פונקט דעם טאָג פון דער חופּה, איז דער בעטלער מיט דעם יינגסטן פון די ברידער אָנגעקומען אין יענעם דאָרף אַריין.

—דאָ אין דאָרף איז היינט נאַכט אַ חתונה. קום, מיין זון, לאָמיר צוגיין צו דער חתונה, וועלן מיר דאָרט עסן און איבער-נעכטיקן.

אַז זיי זענען געקומען אַהין אין הויף אַריין, זענען שוין געווען אַלע געסט און מחותּנים (מעכוטאָנים). יידן און יידינעם זענען געווען אָנגעטון און אויסגעפוצט אין שענסטן און אין בעסטן.

אין שייער זענען אַלע טישן געווען געדעקט. און יינגלעך און מיידלעך האָבן געטראָגן אָנגעצונדענע ליכט און הבדלות (האַוודאָלעס), וואָרן אונטערפירערס זענען שוין געגאַנגען פירן חתן-כּלה (כאָסן-קאַלע) צו דער חופּה.

פּלוצים — אַ געוואַלד: דער חתן איז נישטאָ. אַ קעלט גייט אַריבער איבער יעדנס לייב. מע האָט דאָך שוין לאַנג געמורמלט. סע נעמט אָבער נישט מער ווי אַ רגע און מע קומט צו זיך. מע הייבט אָן זוכן. אין די שטיבער, און אַרום די שטיבער זוכט מען

דעם חתן. מע זוכט — נאָר אומזיסט. אָן אומגליק. מע האָט אָבער געוואוסט, אַז עפּעס איז נישט גלאַט מיט אים, דעם מלמד.

מיטאַמאָל — אַ קול (קאָל). דער בעטלער רעדט און ווייזט אָן אַפן בחור, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, אַף דעם ייִנגסטן פון די פיר ברידער:

— יידן, אָט איז ער דאָך, דער חתן אייערער.

— שאַט, די אַבדה (אָוויידע) האָט זיך אָפּגעזוכט, — וויצלט זיך איינער פון די מחותּנים.

און דער בעטלער נעמט אָן בעת־מעשה (בעאיים־מייסע) דעם ייִנגסטן ביי דער האַנט און פירט אים אַליין צו צו די אונ־טערפירערס.

און דער בחור לאָזט זיך פירן. עפּעס ווי צוליב דעם איז ער געקומען אַהער.

דער עולם האָט זיך איינגעשטילט. אַ גדולה, נאָר מע שווייגט. מאָדנע: וואָס איז ער עפּעס געשטאַנען, טאַקע דער חתן, און זיך געמאַכט ווי נישט אים וואָלט מען געמיינט? און וואָס גייט ער איצט אין די וואָכעדיקע קליידער, און זעט אוים ווי ער וואָלט געקומען פון וועג?

דאָס איז ער אָבער, דער חתן. מחותּנים קאָנען אים. לערנט אַפן ישוב שוין עטלעכע יאָר.

און מע שטעלט זיך אוים אין אַ שורה, און מע פירט חתן־כּלה אונטער דער חופּה, דרויסן פאַר דער שטוב.

נאָך דער חופּה האָבן זיך אַלע געסט און מחותּנים אוים־געזעצט אַרום די געדעקטע טישן. חתן־כּלה זענען געזעסן אויבנאָן. דעם בעטלער האָט מען אויך פאַרבעטן, און עס איז געווען פריילעך. אַלע האָבן געגעסן און געטרונקען. אַ קאַפּעליע קלעזמער האָט געשפּילט אַ פריילעכס, און אַ טרויעריקס, און ווידער אַ פריילעכס. סע האָט אַזש געצופּט ביים האַרצן. און עס איז

געפֿאַלן אַ שיין דרשה־געשאַנק (דראָשע־געשאַנק): סיי אין מתנות (מאַטאָנעס) און סיי אין מזומן.

ערשט פֿאַרטאָג איז זיך עולם צעגאַנגען. דער בעטלער איז זיך אויך אַוועק. ער איז זיך געגאַנגען זיין וועג — איבער דער וועלט.

אַזוי לאָזט זיך אויס דער ערשטער טייל פֿון דער מעשה.

נאָכדעם זענען אַריבער עטלעכע יאָר. און די מעשה הייבט זיך ווידער אָן מיט דעם בעטלער.

אים, דעם בעטלער, איז ווידער אויסגעקומען צו גיין אַפֿן זעלבן וועג, וואו ער האָט געהאַט געלאָזן די פיר ברידער. וואָרן אַף יענעם וועג זענען טאַקע די פיר ברידער געבליבן וואוינען.

דער בעטלער איז איצט געווען אַסך עלטער און געבויגע־נער. און געגאַנגען איז ער אָנגעשפּאַרט אַף אַ שטעקן און האָט זיך קוים געשלעפּט.

אַז ער איז צוגעקומען צום וויינשענק, וואו דער עלטסטער פֿון די ברידער האָט געוואוינט, טראַכט ער זיך, ער וועט אַריינ־גיין זען וואָס סע הערט זיך מיטן שענקער. דער שענקער וועט אים אַוודע דערקענען. און ער וועט טאַקע עפּעס עסן, און וועט שוין דאָ איבערנעכטיקן און זיך אויסרוען אַביסל.

ער גייט אַריין און שטעלט זיך אַזוי, אַז דער באַלעבאָס זאָל אים דערזען. אין שענק זענען געווען אַסאַך געסט, און זיי האָבן געטרונקען און געזונגען. דער שענקער אַליין איז אַרומגעגאַנגען אַרום זיי מיט אַ שמייכל, און אַ פֿריילעכער. ער האָט געהאַלטן אין איין דערלאַנגען פֿרישע קרוגן וויין צו די טישן, וואָרן עס איז געווען גרויס שפֿע, און ער האָט געלייזט אַסאַך געלט.

אַף דעם בעטלער האָט ער זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט אים נישט דערקענט.

און דער בעטלער שטייט נאָך אַלץ. נאָר אַז ער זעט, מע קוקט זיך נישט אום אַף אים, גייט ער צו צום באַלעבאָס און בעט אים:

אפשר קאָן ער עפּעס קריגן דאָס הארץ צו דערקוויקן. האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געהאַט אין מויל. און אפשר (עפּשער) וועט ער דאָ קאָנען איבערנעכטיקן. ער איז אַלט און שוואַך און קאָן איצט ווייטער נישט גיין. ער פאַלט פראָסט פון די פיס.

אַזוי בעט ער זיך ביים שענקער. און דער שענקער פּטרט (פּאַטערט) אים אָפּ מיט עטלעכע ווערטער, וואָס ער גיט זיך אַ זאָג אָפּ אָן אַ זייט, און אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט דערהערן. אָפּן בעטלער האָט ער אַפילו קיין קוק נישט געגעבן:

— אַלטער, דו זעסט דאָך, אַז איך האָב נישט קיין צייט. די געסט קאָן מען נישט לאָזן וואַרטן. און אָן געלט האָב איך גאָרנישט ניט.

דער אַלטער בלייבט שטיין. און אַז דער באַלעבאָס גייט נאָכאַמאָל פאַרביי, בעט דער בעטלער ווידער: זאָל ער רחמנות (ראַכמאָנעס) האָבן. ער האַלט זיך קוים אַף די פיס. און ס׳האַרץ חלשט (כאַלעשט).

דער שענקער אָבער איז געווען זייער פאַרנומען, ער האָט געלייזט אַסאַך געלט פון די געסט. און ער האָט געדאַרפט כּסדר (קסיידער) צאַפּן וויין.

דער בעטלער האָט געזען, אַז עס איז אומזיסט דאָס בעטן, האָט ער זיך אויסגעדרייט און געעפנט די טיר צו גיין. און אַז ער איז שוין געשטאַנען אַף דער שוועל, האָט ער זיך געגעבן אַ גלייך אויס, און מיט אַ קול, אַזאַ ווי ער האָט געהאַט מיט עט־לעכע יאָר צוריק, האָט ער אַ זאָג געטון אין דער הייך:

— באַלעבאָס, גאָט זאָל העלפן, אַז דאָ זאָל זיין, ווי עס איז געווען פריער, איידער עס איז געווען אַ שענק, און וויין. אַ

קוואַל זאָל ווערן. פאַר גייער און אָרימע אַ קוואַל, צו שטילן זייער דאָרשט.

דער באַלעבאָס איז צעמישט געוואָרן. עפּעס האָט ער זיך דערמאַנט. נישט אינגאַנצן. און פון דער וואַנט, וואו ער איז געשטאַנען און געצאַפּט וויין אין די קרוגן, האָט אַ שלאָג געטון אַ קלאָרער קוואַל.

די געסט זענען אַנטשוויגן געוואָרן. עס איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מע האָט נאָר געהערט דאָס ריזלען פון דעם קוואַל, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרפלייצן דאָס צימער.

דער באַלעבאָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים צאַפּן. די געסט זענען געקומען צו זיך און זענען זיך באַצייטנס צעלאָפן. די שטוב איז געוואָרן אַ טייך. די ווענט האָבן אָנגעהויבן איינפאַלן, דאָס וואַסער האָט אַרויסגעשלאָגן ביזן וועג.

פון דעמאָלט אָן איז דער קוואַל ווידער געוואָרן אַ דערקוויקונג פאַר גייער און פאַר אָרימע, און אַ דערפרישונג פאַר מידע.

דער בעטלער אָבער איז דאָ נישט געבליבן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט זיינס און איז אַוועק ווייטער. ער איז געגאַנגען צו די מילן, וואו דער צווייטער פון די ברידער האָט געוואוינט.

געקומען נאָענט צו דעם באַרג תּבֿואה און די מילן, טראַכט ער זיך, ער וועט צוגיין זען, וואָס סע הערט זיך מיטן צווייטן פון די ברידער. אינאיינוועגס וועט ער בעטן עפּעס עסן און וועט אַוודע דאָרט בלייבן אַביסל זיך אויסצורוען.

ביי איינער פון די מילן איז געשטאַנען דער באַלעבאָס, דער צווייטער פון די ברידער, און האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אַרבעט, און אויף די אַרבעטער.

גייט דער בעטלער צו אַהין און שטעלט זיך אַזוי, אַז מע זאָל אים דערזען. נאָר דער באַלעבאָס האָט זיך נישט אומגעקוקט.

ער איז געווען פאַרהאַוועט. עס איז דעמאָלט גראָדע געווען אַ גוטער ווינט, וואָס האָט געדרייט די מילן־פליגלען, און ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו קוקן אַף אַרימעלייט. ער האָט געמוזט זען, אַז מע זאָל צושטעלן גענוג תבואה פון דעם תבואה־באַרג אין די מילן אַריין.

און עס איז טאַקע געווען פריילעך. אַלע זענען געווען גוט אופגעלייגט, עס איז געווען אַ שפע (שעפע). דער באַלעבאָס אַליין איז אַרומגעגאַנגען אַ זאַטער, און האָט אַכטונג געגעבן און באַ־פוילן.

אַז דער בעטלער זעט, מע קוקט זיך נישט אום אַף אים, גייט ער צו נאָך נעענטער צום באַלעבאָס, און בעט אים:

אפשר קאָן מען אים עפּעס געבן? אַביסל תבואה, אָדער מעל? און אפשר וועט ער זיך קאָנען דאָ אָפּרוען אַביסל, איבער־נעכטיקן? מאָרגן וועט ער זיך גיין ווייטער.

אַזוי בעט ער זיך. נאָר דער מילנער גיט אַף אים אַ קוק פון אַ זייט, פּטרט אים אָפּ מיט אַ בייזער:

—דער אַלטער זעט דאָך, אַז איך בין פאַרנומען. די מילן גייען, און מע דאַרף אַכטונג געבן אַף דער אַרבעט. די אַרבעטער פּטרן אַזוי אויך גענוג צייט.

און טאַקע — ווי האָט מען דאָס צייט פאַר אַ בעטלער, בעת מילן גייען? !...

דער בעטלער בעט אים נאָכאַמאָל:

זאָל דער באַלעבאָס רחמנות האָבן. זאָל ער האָבן גאָט אין האַרצן און אים עפּעס געבן. צו אַ ישוב איז ווייט, און ער שלעפּט זיך קוים אַף די אַלטע פיס.

נאָר צום מילנערס האַרצן איז דאָס נישט דערגאַנגען. ער האָט עס קוים דערהערט. עפּעס אַף איין אויער. ער האָט שוין ווייטער געקאָמאַנדעוועט: דער זאָל פירן תבואה אין דער מיל

אריין, און דער — אין אַ צווייטער מיל אַריין; דאָס קאָרנמעל אין דעם שפּייכלער, און ס׳ווייצנמעל — אין יענעם שפּייכלער אַריין.

זעט דער בעטלער, אַז ווייטער בעטן איז אַוואַדע אומזיסט, דרייט ער זיך אויס און דערשלעפּט זיך קוים די עטלעכע טריט צום וועג. און אַז ער איז שוין געשטאַנען אַפן וועג, גליכט ער זיך אויס, און מיט אַ קול — אַזאַ ווי ער האָט געהאַט מיט עט־לעכע יאָר צוריק — גיט ער אַ געשריי צום מילנער:

— באַלעבאָס, גאָט זאָל העלפן, אַז דאָ זאָל ווערן ווי עס איז געווען פריער. פון דעם הויפן תּבואה זאָל ווערן אַ באַרג, און פון די מילן —ביימער. וועלן גייער, און בעטלער זיך קאָנען אויסרוען אין גראָז אונטערן שאָטן פון די ביימער.

דער מילנער איז צעטומלט געוואָרן. עפּעס האָט זיך אַ וואַקל געטון אונטער זיינע פיס. וואָרן דאָס קול האָט אים עפּעס דער־מאָנט. נישט אינגאַנצן און נישט קלאָר. ער האָט עפּעס געוואָלט טון, און נישט געוואוסט וואָס. ער האָט געוואָלט נאָכלויפן — נאָר וועמען? — דער בעטלער איז שוין נישטאָ. קיין תּבואה אויך נישט. קיין מילן אויך נישט. נאָר אַ באַרג. אַ גרינער באַרג. און ביימער זענען דאָ. גרויסע ביימער: סאָסנעס, דעמבעס, טאָפּאָלן. וואָס שטייט ער? ערגעץ דאַרף ער דאָך גיין — נאָר ער ווייסט נישט וואוהין.

וועלן מיר אים טאַקע דאָ לאָזן און גיין מיט דעם בעטלער.

דער בעטלער איז שוין דערווייל געווען ווייט אַף דעם וועג. ער איז געגאַנגען ווייטער, צום דריטן פון די ברידער, צו דעם פּאַסטעך. און ער איז טאַקע באַלד געקומען אַהין.

דער דריטער פון די ברידער איז שוין נישט געווען קיין פּאַסטעך. ער איז אין די עטלעכע יאָר געוואָרן אַ רייכער פּי־ענדלער. מיט אַסאַך דינער און דינסטן, און פּאַסטעכער, וואָס

האָבן אַכטונג געגעבן אַף די שאָף און רינדער. טייל האָבן גראַדע דעמאָלט געבראַכט די שאָף פון פעלד. אַנדערע ווידער האָבן שוין געמאָלקן. אַ גאַנצע מייערייִ איז דאָ געווען.

בעת דער בעטלער איז אָנגעקומען, איז דער באַלעבאָס אַליין געשטאַנען מיט עטלעכע סוחרים, פּי־הענדלער. ער האָט גערעדט מיט זיי וועגן מקח (מעקעך) פון שאָף און רינדער. און פון מילכיקס האָט מען גערעדט. יעדע ווײַלע האָט דער באַלעבאָס אַ געשרייִ געטון פון דער ווײַטן צו אַ פּאַסטעך, אָדער צו אַ דינסט, וואָס און ווי אַזוי זיי זאָלן טון.

און דער בעטלער שטייט זיך לעבן אים גראַדע אַזוי, אַז ער זאָל אים זען. נאָר אים, דעם בעטלער, זעט ער דייקע נישט. איז זיך מישב (מעיאַשעוו) דער בעטלער און גיט זיך אַ זאָג:

— גאָט העלף, יידן.

און דעם באַלעבאָס פרעגט ער:

אפשר קאָן ער קריגן עפּעס עסן און טרינקען, און אפשר קאָן ער דאָ נעכטיקן. עס איז שוין נאָענט צו נאַכט. אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען. קיין ישוב נישט געטראָפן. ס'האַרץ קלעמט, און ער איז שוואַך.

ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דער באַלעבאָס גיט אַף אים אַזאַ גזלנישן (גאַזלאָנישן) קוק, אַז סע פּאַלט אים איין דער מאַמעס מילך. ער עפנט דאָס מויל, נאָר יענער גיט מיטאַמאָל אַ געשרייִ:

— בעטלער, אַוועק! נאַ דיר גאָר בעטלערס אינמיטן! אַוועק פון דאַנען!

טאָקע — אַז מע רעדט מיט סוחרים, קאָן מען הערן וואָס סע וויל דאָרט אַ בעטלער?

און ער לאָזט אים נישט שטיין. ער טרייבט אים. צום וועג טרייבט ער אים. און אַז ער האָט אים אַרויסגעטריבן, איז דער בעטלער שטיין געבליבן אַפן וועג, האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט אַ קול, פּונקט אַזאַ ווי ער האָט געהאַט מיט עטלעכע יאָר

צוריק, בעת ער האָט דעם דריטן פון די ברידער דאָ איבערגעלאָזט, האָט ער זיך אַ זאָג געטון:

— באַלעבאָס, גאָט זאָל העלפן, אַז דאָ זאָל ווערן ווי עס איז געווען.

מער נישט. און דאָס איז טאַקע געווען גענוג. דער באַלעבאָס איז פאַרציטערט געוואָרן פון כּעס. אַזאַ חוצפּה. ער האָט זיך געגעבן אַ לאָז נאָך אים. נאָר וואו בעטלער, ווער בעטלער...

ערשט איצט האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט. אויך נישט אינגאַנצן. נישט קלאָר. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, לויפן, בעטן. נאָר נישט פון אָרט. פאַרשטיינערט.

אַז ער איז אַביסל געקומען צו זיך — ערשט ער שטייט אין אַן אויסגעהאַקטן וואַלד: פּיענעס און פּיענעס, און ביימער און פייגל פון אַלע מינים. אַ געזאַנג פון אַלע זייטן. פון פייגל און פון קוואַלן, און פון בלעטער.

און ער בלאָנדזשעט. ער בלאָנדזשעט שוין לאַנג. ער געדענקט שוין אַפילו נישט זינט ווען. דאַכט זיך — אייביק. וואוהין איז ער דאָס געגאַנגען? ער וויל זיך דערמאָנען — דאַכט זיך ער ווייסט, נאָר ער געדענקט נישט.

און מיר'ן אים טאַקע דאָ איבערלאָזן און גיין מיט דעם בעטלער ווייטער.

נאָך יענעם פאַרנאַכט איז דער בעטלער אָנגעקומען אין דעם דאָרף אַריין, וואו דער פערטער פון די פיר ברידער, דער יינגסטער, איז געהאַט געבליבן וואוינען.

טראַכט זיך דער בעטלער:

ער וועט צוגיין צו דעם יינגסטן. אַז ער גייט סיי-ווי-סיי דעם וועג — וועט ער שוין צו דעם אויך צוגיין. זען וואָס סע הערט זיך ביי דעם יינגסטן פון די ברידער.

און ער גייט זיך דערווייל דורך דורך דעם גאַנצן דאָרף.

אין אַ ווינקל פון דעם דאָרף איז געשטאַנען אַ קליין פויעריש שטיבל. אַז דער בעטלער איז אַהין צוגעקומען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. וואָרן דאָרט האָט דאָס געוואוינט דער מעזיניק פון די פיר ברידער.

פאַר דעם שטיבל, זעט דער בעטלער, אַ פּאָר פּיצלעך קינדער. אין די הוילע סטענדלעך, און באָרוועסע. זיי שפּילן זיך מיט שטיינדלעך און דינגען זיך, מעשה קרעמער.

לעבן זיי — אַ צוויי הינער. אַ ציג האָט זיך דאָ אויך אַרומגעדרייט.

אַז דער בעטלער איז צוגעקומען זענען די קינדער געבליבן שטיל. אַ פנים-חדשות (פּאָנים-כאַדאָשעס) פאַר זיי. וואָרן אָפן ישוב זעט מען זעלטן אַ ניי פּנים. האָבן זיך די קינדער טאַקע אַביסל דערשראָקן. דער בעטלער פאַרשטייט דאָס. שמייכלט ער צו זיי, און זאָגט:

— גוטן אָוונט, קינדער.

און ער פרעגט, צי דער טאַטע איז אין דער היים.

די פּיצלעך שווייגן. נאָר דאָס עלטערע שאָקלט מיטן קאָפּ: ניין, ער איז נישט אין דער היים. און זי צעשרייט זיך אין שטוב אַריין:

— מאַמע, מאַ-מע!

די מאַמע איז תיכּף (טייקעף) אַרויסגעקומען מיט פאַרשמירטע הענט, ווי זי וואָלט נאָר וואָס פאַרראַשטשינעט. און מיט אַ פּיצל אַף די הענט, אַ צווייטס — ביי דער זייט.

אַז זי דערזעט דעם אַלטן — פאַרשטייט זי וואָס דאָס עלטערע פּיצל האָט געשריגן, כאָטש זי האָט איר וויפל מאָל געזאָגט, אַז מע דאַרף זיך נישט שרעקן. און אַוואַדע נישט פאַר קיין מענטשן.

דערווייל צעשמייכלט זיך דער אַלטער:

דער בעטלער ביי דעם שטיבל פון דעם יינגסטן ברודער

— גאָט העלף, באַלעבאָסטע. מע קאָן מסתמא (מיסטאָמע) קריגן אַ פרישן טרונק.

— גאָט העלף, גוט יאָר, זעצט אייך.

און זי ווייזט מיטן קאָפּ אַף דער פריזבע. ס'הייסט — ער זאָל זיך זעצן אַף דער פריזבע. און זי בייגט זיך אָן איבער אַ פאַס ביי דער טיר — דאָס פאַס וואַסער האָט מען געהאַלטן אין פאָדער-הייזל, וואָרן די ברונע האָט געמוזט שטיין פאַרדעקט צוליב דעם קליינוואַרג — בייגט זיך אָן, און שעפּט אָן אַ קוואָרט וואַסער, און דערלאַנגט דעם אַלטינקן.

עס איז איר אַפילו שווער — דער בעטלער זעט עס — מיט אַ קינד אַף די הענט, און אַ צווייטס — ביי דער זייט. נאָר שייך (שייעך) — אַ מענטש וויל אַ טרונק, איז ווי לאָזט מען וואַרטן.

דערווייל קומט אָן דער מאַן פון פעלד. דאָס איז דער פּער־טער, דער יינגסטער פון די ברידער. ער איז געוואָרן אַ פאַרמער, אַ פּראָסטער פּאַרמער, האָט אַ שטיקל פעלד, און אַרבעט מיטן שוויים אַף אַ שטיקל ברויט.

נדן איז געווען ווינציק. און דאָס דרשה-געשאַנק האָט מען שוין לאַנג אופגעגעסן.

קומט ער זיך אַזוי פון פעלד, דער מעזיניק, אַ פאַרהאָרע־וועטער. מיט אַ ריסקאַל, אַ גראַבליע, און אַ ווילע אַפן אַקסל. און ער גייט צו צום אַלטינן און גיט אים שלום. פאַרבעט אים נאָכדעם אין שטיבל אריין. און אַזוי ווי דער בעטלער האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי ער וועט קאָנען איבערנעכטיקן, ווייזט אים דער מאַן אָן אַף דר'ערד. זיי שלאָפן אַלע אַף דר'ערד. אַף שטרוי־זעק. ער וועט אויך קאָנען שלאָפן, אויב ער וויל.

דעם בעטלער איז ניחא. אַז מע גייט אַ גאַנצן טאָג איבער וועגן, איז וואָס איז דער חילוק וואו, אַף דר'ערד, צי אין אַ בעט?

אַף דר'ערד — איז אַף דת'ערד. אַבי אונטער אַ דאַך, און צווישן מענטשן.

און ער זיצט זיך און קוקט ווי דאָס ווייב פאַרהייצט דעם אויוון און מאַכט פּלעצלעך, קליינע פּלעצלעך. און דער מאַן מעלקט דערווייל די ציג פאַר דער טיר. מע הערט ווי ער מעלקט. די מילך זאַיט זיך אין דינעצע אַריין. אַ זאַי נאָך אַ זאַי.

די קינדערלעך, די פּיצלעך, זענען היימיש געוואָרן מיט דעם בעטלער. זיי רייטן שוין ביי אים אַף די קני, און לאַכן, און רופן אים: זיידע.

— זיידע, מיך.

— זיידע, מיך איצט.

ס'הייסט, ער זאָל זיי הוידען אַף די קני. און דער בעטלער פאַרגעסט, אַז ער האָט נישט קיין כּוח. אַז די פיס זענען אים אַלט, און אַ גאַנצן טאָג זיי געשלעפּט. קוים געשלעפּט זיי.

אינאיינוועגס קוקט ער זיך אַרום. אַ גרויס אָרימקייט נעבעך. קוים אַ טיש, און אַ קופּערט אין ווינקל. אַ פּאָר מעשענע לייכטער אַפן אויוון. נאָר אַף די ווענט אויסגעהעפטע שפּיצן און אַרבעטן:

די עשרת-הדברות (אַסערעס-האַדיבערעס), דער מוטער רחלס קבר (ראָכלס קייווער), די כּותל-מערבי (קויסל-מאַיראָווי).

דאָס איז פון דעם ערשטן יאָר נאָך דער חתונה. זי האָט אַמאָל גילדענע הענט געהאַט. געשטריקט און געהעפט. איצט איז זי פאַרנומען מיט די קינדער, זאָלן לעבן. קאָן זיך מער נישט אָפּגעבן מיט דעם.

און אַז דאָס ווייב האָט שוין געהאַט איינגעזעצט די פּלעצלעך, און דער מאַן האָט זיך געוואַשן און גענומען דאָס קליינוואַרג צום טיש, דעמאָלט הייבט זיך אוף דער בעטלער, גייט צו צום אויוון, און קוקט זיך אַריין ווי אַף לצנות (לעצאָנעס):

— באַלעבאָסטע — גיט ער זיך אַ זאָג, —נעמט שנעלער אַרויס דאָס ברויט. ס'עט פאַרברענט ווערן.

הערן זיי און מיינען, ער מאַכט חוזק (כויזעק). דער באַלע־באָסטע גיט עס אַ שטאָך ביז דער זיבעטער ריפּ. זי פאַרשעמט זיך נעבעך. וואָרן זי ווייסט דאָך, אַז דאָרטן זענען נאָר פּלעצלעך. נאָר זי שווייגט, און גייט צו צום אויוון, ווי זי וואָלט טאַקע גע־פאָלגט דעם אַלטינקן.

אַז זי האָט אַ קוק געטון אין אויוון אַריין, האָט זי זיך קודם געגעבן אַ גלייך אויס, ווי זי וואָלט עפּעס דערהערט, עפּעס וואונ־דערלעכס. אַ רעגע שטיין געבליבן. און ווי די ערד אונטער איר וואָלט זיך אַ טרייסל געטון. נאָר גלייך איז דאָס פּנים איר פאַר־פלאַמט געוואָרן, און זי האָט געכאַפּט די לאָפּעטע און אָנגעהויבן אַרויסנעמען אַ ברויט נאָך אַ ברויט, און אַ ברויט נאָך אַ ברויט. גרויסע, ווייסע ברויטן, אַז סע האָט אַזש פאַרשמעקט איבערן שטיבל.

יענעם אָוונט איז דאָס אָרימע הויזגעזינד געזעסן ביז שפּעט. דער אַלטינקער האָט דערציילט אַסאַך זאַכן. און מע האָט גערעדט. ווי אייגענע האָט מען גערעדט. וואָרן דער מאַן, דער יינגסטער פון די ברידער, האָט אים דערקענט. דאָס איז דאָך דערזעלבער אַלטער, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער. מע האָט אויך גערעדט וועגן די דריי עלטערע ברידער. קיין סך האָט מען נישט גערעדט וועגן זיי. דער אַלטער האָט נאָר דערציילט, אַז פון אָנהייב האָבן זיי מצליח געווען. נאָר זיי זענען נישט שטאַרק צופרידן געווען. אַלץ איז זיי ווינציק געווען. שפּעטער האָבן זיי אַלץ פאַרלוירן. איצט זוכן זיי ערגעץ ווידער זייער גליק אויף דער וועלט.

דערנאָך איז געקומען די צייט צו גיין שלאָפן. מע האָט אויסגעלייגט שטרויזעק. פאַר יעדן אין אַן אַנדער ווינקל. מע

האָט נאָך גערעדט אַביסל בעת־מעשה. און מע האָט זיך געלייגט. מיט אַ לייכט געמיט האָט מען זיך יענע נאַכט געלייגט.

באַגינען האָט זיך דער אַלטער אופגעהויבן. ער האָט זיך אָנגעטון, האָט זיך געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען.

מע האָט אים אַפילו געבעטן, ער זאָל בלייבן. וואָרן וואָס דאַרף ער זיך איילן? נאָר ער האָט נישט געוואָלט. אינדערפרי איז לייכטער צו גיין. עס איז קיל, און מע ווערט נישט אַזוי פאַרמאַטערט. אַזוי האָט ער געטענהט. ס׳אַנדערע — ער וועט נאָך קומען צוריק. איצט דאַרף ער אָבער גיין. נו, זאָל מען זיין געזונט, און גיין געזונט.

שפּעטער האָט די באַלעבאָסטע גענומען אופראַמען. דאָ איז ווידער עפּעס געשען מיט איר. אַזוווי נעכטן אַפדערנאַכט, בעת זי האָט אַ קוק געטון אין אויוון אַריין. עפּעס ווי די ערד אונטער איר וואָלט זיך אַ וואַקל געטון. וואָרן אַז זי האָט גענומען אַ שטרויזאַק אין האַנט אַריין, ערשט — זי פילט, עס איז גאָר־נישט קיין שטרויזאַק. נאָר ווייך, פּוכקע — ווי איבערבעטן ווייך.

זי גיט אַ הייב אוף אַ צווייטן שטרויזאַק — דאָסזעלבע. עפּעס הייבט זי אָן פאַרשטיין. דער אורח (אוירעך) איז נישט געווען אַבי ווער. סע הייבט איר אָן קלאָר ווערן. און אַז זי איז פאַרבייגעגאַנגען דעם אויוון, ערשט — אָן אויוון מיט ברויט. אַ פולער אויוון מיט ברויט און חלות (כאַלעס). און וויפל זי האָט אַרויסגענומען איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ פולער אויוון. אַזוי איז שוין טאַקע געווען פון יענעם טאָג אָן, און זיי האָבן שוין פאַר־שטאַנען ווער זיי האָבן געהאַט פאַר אַ גאַסט. טאַקע אליהו־הנביא. נישט קיין אַנדערן.

אין זייער הויז האָט אָנגעהויבן וואַקסן די שפע. פון טאָג צו טאָג אַ גרעסערע שפע.

מ ע ש ו ת

דאָס הויז איז געוואָרן אַ הויז פאַר דורכגייער און דורכפאָרער, פאַר סוחרים, גייער און פאַר אָרימע לייט. ווער עס איז פאַרביי־געגאַנגען — האָט זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט. און ליידיק איז פון יענעם הויז קיינער נישט אַוועקגעגאַנגען.

פון דעם בעטלער האָבן זיי, דער מאַן מיט דעם ווייב, קיי־נעם נישט דערציילט. צו וואָס דאַרף מען רעדן?! נאָר די קינ־דער פלעגן אים דערמאָנען. זיי פלעגן כסדר פרעגן ווען דער זיידע וועט קומען.

מיט יאָרן שפּעטער איז טאַקע דער זיידע ווידער געקומען. קיינער אָבער האָט אים נישט דערקענט. אפילו נישט די קינדער.

דאָס קלוגע מיידל

אין די צייטן פון מלכים (מלאָכים) האָט אַמאָל געטראָפן אַזאַ מעשה:

איינמאָל האָט אַ מלך געוואָלט אויספּרואוון ווי גרויס עס איז די חכמה (כאָכמע) פון זיין פאָלק. לאָזט ער אַרויס אַזאַ פּיזמון:

ווער סע וועט מיר שעכטן דעם און דעם שטיין, אַז דאָס בלוט זאָל רינען פון אים, דעם וועל איך מאַכן פאַרן שני-למלך (שייני-לעמיילעך).

גייט דער פּיזמון פון מויל צו מויל און פון שטאָט צו שטאָט, ביז גאָר איבערן גאַנצן לאַנד.

ציקאַווע יונגען לאָזן זיך צו דער הויפּטשטאָט ווי אַף בייז וואונדער. זיי באַטראַכטן דעם שטיין, פּרואוון קוילענען — ווי קאָן מען אָבער קוילענען אַ שטיין?

חידושט מען זיך טאַקע אַף דעם דאָזיקן פּיזמון פונם מלך, און מע קערט זיך אום אַהיים.

גייט אַוועק אַ שטיקל צייט און מען הערט ביסלעכווייז אויף רעדן פון דעם.

דאַרף די זאַך אָבער אָנקומען צו אַ פאַסטעכקע ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם דערפל.

אין שיינעם טאָג הייבט זי זיך אויף, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ בחור (באָכער) און גייט אַוועק גלייך אין שטאָט אַריין צום מלך:

— אָ, האַר, איך קאָן שעכטן דעם שטיין.

דערמאָנט מען זיך ווידער דעם פריערדיקן פּיזמון. און די נייעס, אַז סע האָט זיך געפונען אַ מענטש, וואָס וועט קוילענען

דער שטיין

דעם שטיין, נעמט גיין פון מויל צו מויל און פון ישוב (יישעוו) צו ישוב, ביז גאַר איבערן גאַנצן לאַנד.

איצט האָבן אָנגעהויבן קומען גרויס און קליין, יונג און אַלט אין דער קרוינשטאָט אַריין. וואָרן אַלע האָבן געוואָלט זען וויאַזוי מע שעכט דאָס אַ שטיין.

און אַלע וואַרטן. מע דערלעבט שוין קוים דעם באַשטימטן טאָג.

אַז סע קומט דער טאָג, זעצט זיך אויף דער מלך אַף זיין קיניגלעך פערד און רייט אַרויס מיט זיינע שרים (סאָרים) און איידללייט אַפן פלאַץ, וואו סע ליגט דער שטיין.

דאָס פאָלק האָט שוין דאָרט געוואַרט פון באַגינען אָן.

אַז דער מלך איז שוין געווען אַפן פלאַץ, נעמט דאָס פאַר־שטעלטע מיידל אַרויס אַ מעסער, גייט צו צום שטיין — נאָר איידער זי טוט עפּעס, גיט זי זיך פאַר אַלעמענס אויגן אַ דריי אויס צום מלך, און זאָגט:

— אָ, האַר מיינער, דו ווילסט דאָך, איך זאָל שעכטן דעם שטיין, טאָ גיב אים פריער לעבן. און אַז איכ'ל אים דעמאָלט נישט קוילענען, איז נעם מיר אַראָפּ מיין קאָפּ.

הערט דער מלך און פאַרחידושט זיך פון דעמדאָזיקן ענטפער. נאָכדעם זאָגט ער:

— בחור, דו ביסט זיכער דער קליגסטער אין מיין מלוכה. איך וועל דיך מאַכן פאַרן שני־למלך. און אויב דו וועסט מיר נאָך באַווייזן דריי זאַכן, וואָס איך וועל דיר זאָגן — וועסטו מיר זיין ווי אַ זון.

— זאָג, מלך.

— בחור, גיי איצט אַהיים. און אין עטלעכע טעג אַרום קום ווידער צוריק. דעמאָלט זאָלסטו מיר באַווייזן די דריי זאַכן: אַז דו וועסט קומען, דאַרפסטו רייטן און נישט רייטן; דאַרפסט מיר ברענגען אַ מתּנה (מאַטאָנע) און נישט ברענגען; און מיר אַלע, גרויס און קליין, אַלע וועלן מיר אַרויסגיין דיך מקבל־פּנים (מעקאַבל־פּאָנים) זיין. נאָר דו דאַרפסט מאַכן אַזוי, עס זאָל אויסקומען, אַז מיר זענען דיך יאָ מקבל־פּנים און נישט מקבל־פּנים.

דער עולם הערט און גאַפט. נאָר די פאַרשטעלטע פּאַסטעכקע הייבט זיך אויף און גייט אַוועק.

אַז זי קומט אַהיים, הייסט זי עטלעכע פּאַסטעכער, מע זאָל איר כאַפּן אַ דריי, פיר האָזן און אַ פּאָר טויבן.

האָבן די פּאַסטעכער אַזוי געטון.

אין עטלעכע טעג אַרום גרייט זי זיך ווידער אין וועג אַריין. די האָזן לייגט זי אַריין — יעדן האָז אין אַ באַזונדערן זאַק, גיט זיי די פּאַסטעכער צו טראָגן, און הייסט זיי מיטגיין מיט איר און טון ווי זי וועט זיי הייסן.

זי אַליין נעמט די טויבן, זעצט זיך אויף אַף אַ ציג, און אַוועק אין שטאָט אַריין.

געקומען נאָענט פֿון דער שטאָט, שיקט זי פֿאָרויס עטלעכע מענטשן, מע זאָל מעלדן דעם מלך, אַז זי קומט.

באַפֿעלט דער מלך, אַז שטאָט זאָל גיין דעם בחור מקבל־פּנים זיין. און ער אַליין זעצט זיך אויף אַף זיין קיניגלעך פֿערד, און מיט אים אַלע שרים און איידללייט, און מע גייט דער פֿאַרשטעל־טער פּאַסטעכקע אַנטקעגן.

אַז זי זעט, אַלע זענען שוין נאָענט אַנטקעגן איר, הייסט זי אירע פּאַסטעכער אַרויסלאָזן מיטאַמאָל די האָזן פֿאַר די אויגן פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק.

אַז דער עולם דערזעט די האָזן, פֿאַרגעסט מען אָן קבלת־(קאַבאָלאַס) פּנים, און מע לאָזט זיך נאָך די האָזן.

אַזוי האָט מען זי מקבל־פּנים געווען און נישט מקבל־פּנים געווען.

דאָס איז געווען דער ערשטער איינפֿאַל.

זי אַליין רייט זיך ווייטער אַף איר ציג אַנטקעגן מלך. יעדע ווייל לאָזט זי אַראָפּ די פֿיס — די ציג אינמיטן — און גייט צו פֿוס, און יעדע ווייל הייבט זי זיי ווידער אויף און רייט אַף דער ציג.

אַזוי איז זי געריטן און נישט געריטן.

האָט זי שוין באַוויזן צוויי איינפֿאַלן.

איצט — אַז זי איז צוגעקומען צום מלך, נעמט זי אַרויס פֿון איר בוזעם די צוויי טויבן און הייבט זיי אויף צו דערלאַנגען זיי דעם מלך. דער מלך שטרעקט אויס די הענט זיינע צוצונעמען די מתּנה (מאַטאָנע), ערשט — אין דער רגע (רעגע) טוט זי אָן עפֿן אויף אירע הענט, און די טויבן צעפֿליען זיך.

האָט זי שוין באַוויזן אַלע דריי זאַכן.

דער מלך איז שטאַרק צופֿרידן געווען. זיינע אויגן האָבן געלויכטן פֿון פֿרייד, וואָרן ער האָט דאָך אַלץ אַליין געזען. זאָגט ער:

דאָס קלוגע מיידל

— פֿון הײנט אָן װעסטו מיר זײַן װי אַ זון.

הײבט זיך אויף די פֿאַרשטעלטע פּאַסטעכקע און רוימט אײַן דעם מלך אַ סוד (סאָד), אַז זי איז אַ מיידל און נישט קיין בחור.

האָט זיך דער מלך נאָך מער דערפֿרייט. װאָרן ער איז געװען אַ בחור, און ער האָט שוין לאַנג געזוכט אַ כּלה (קאַלע), װאָס זאָל זײַן אַזוי קלוג, אַז זי זאָל װערט זײַן צו זײַן זײַן װײַב און קיניגן.

די מעשה מיט דעם בחור, דעם שלימזל

א פּאַרמער האָט געהאַט צוויי זין.ביידע יונגע און געזונטע. נאָר דער עלטערער איז געווען אַ בר־מזל (באַרמאַזל) און דער יינגערער — אַ שלימזל. דער עלטערער — וואָס ער האָט געטון איז געווען גוט. נאָך בעסער ווי מע האָט געוויינטלעך גערעכנט, אַז סע דאַרף זיין. און דער יינגערער — פּאַרקערט. וואָס ער האָט געטון — האָט נישט געטויגט. אַף אַלץ צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט — איז געפאַלן דערויף גאָטס קללה (קלאָלע). דהיינו: דער פאָטער שיקט אים מיט אַ פּאָר אָקסן צעאַקערן אַ פעלד, איז נאָך איידער ער הייבט אָן אַקערן — פאַרטשעפּעט זיך אַן אָקס אין אַ טריקענעם צווייג אַפן וועג, ברעכט אוים אַ פוס און פאַלט. אי נישט צעאַקערט דאָס פעלד, אי אַן אָקס געפאַלן. אָדער: דער פאָטער שיקט אים פּאַשען די סטאַדע שאָף — ווערן אין וואַלד פאַרלוירן עטלעכע שאָף. אָדער אַשטייגער: ער פאָרט אין שטאָט אַריין פאַרקויפן די תּבֿואה (טוואוע). קומט ער אין שטאָט און פאַרקויפט גראָדע פּאַר אַ גוטן מקח (מעקעך), נאָר אַפן וועג אַהיים באַפאַלן אים גזלנים (גאַזלאָנים), און לאָזן אים נישט איבער קיין פרוטה ביי דער נשמה (נעשאָמע). האָט ער נעבעך צער (צאַאַר). אי צער, וואָס ער האָט נישט קיין תּבֿואה, אי צער, וואָס אים איז נישט געבליבן קיין זכר (זייכער) פון דעם גוטן מקח. צו דעם צו האָט אים נאָך דער עלטערער ברודער זיינער געררוידעפּט, געשריגן אַף אים, און גאָר פון אים חוזק געמאַכט. וואָרן דער עלטערער האָט געמיינט, אַז ביי אים קומט אַלץ אַרויס גוט, מחמת (מאַכמעס) ער איז מער חכם. און ער איז זיכער געווען, אַז זיין ברודער איז אַ שוטה, דעריבער טויג ער נישט צו גאָרנישט.

וואָרן אַזוי טאַקע איז שוין דער סדר (סיידער): אַז מע האָט מזל, איז מען אַ חכם.

און דער פאָטער אַליין, דער פאַרמער, האָט אים נעבעך אויך געזוידעפּט. וואָרן אים, דעם פאָטער, האָט אַוואַדע שטענדיק ווײי געטון דער היזק (העזעק), וואָס ער האָט דורך אים, דעם יינגערן. ער האָט אים אַלץ אָנגעוויזן אַפן עלטערן: ער דאַרף זיך לערנען טון ווי דער עלטערער טוט. און ער האָט אַף אים נאָך אָנגעשריגן, און אים אופגעהערט אַנצופאַרטרויען אַרבעט. דאָס האָט דעם יינגערן גאָר אַראָפּגעזעצט דעם מוט, און ער האָט זיך דערפילט דערנידעריקט און דערשלאָגן, און איז געווען מלא-צער (מאָלע-צאַאר). און אַז אַ מענטש איז אין צער — איז וואָס ער טוט, קומט במילא (בעמיילע) אַרוים טרויעריק. איז טאַקע וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ ערגער, ביז ער האָט געזען, אַז ס'איז שלעכט, און ער האָט מער גאָרנישט ניט וואָס צו טון אין דערהיים. ער וועט ליבערשט אַוועק צו פרעמדע, וואו מע קאָן אים נישט. און אפשר וועט אים מער גליקן ביי פרעמדע. אויב אָבער נישט — וועט מען צו אים אויך נישט האָבן קיין טענות (טיינעס), אַמאַי ער איז אַ שלימזל און טויג נישט צו גאָרנישט. און אַז סע וועט אים נישט גליקן אַף איין פלאַץ, וועט ער זיך זוכן זיין גליק אין אַן אַנדער פלאַץ. אַזוי וועט ער זיך טאַקע גיין אַ פרייער איבער גאָר דער וועלט זוכן זיין גליק.

איין טאָג, אַ באַגינען, האָט ער גענומען אַ לאָבן ברויט, זיך געזעגנט מיט זיינע עלטערן — זיי האָבן אים נישט געשטערט, וואָרן אין דערהיים וואָלט דאָך פון אים סיי-ווי-סיי נישט געווען קיין לייט, איז אפשר (עפשער) טאַקע בעסער, האָבן זיי זיך געטראַכט, ער זאָל גיין אין דער וועלט אַריין. משנה מקום (מעשאַנע מאָקעם) — משנה מזל, אַן אַנדער פלאַץ — אַן אַנדער מזל. האָבן זיי זיך מיט אים אָפּגעזעגנט און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

גייט ער און קומט אין אַ שטאָט אַריין, וואו קיינער קען אים נישט, און ער קען קיינעם נישט. דאָ וועט ער זוכן זיין מזל, טראַכט ער. און ער גייט אַוועק אין מאַרק אַריין און שטעלט זיך צווישן די טאָגלוינער, וואָס וואַרטן, מע זאָל זיי דינגען צו אַרבעט. און ער זעט, סע קומען יידן און דינגען אַרבעטער. באַלד דעם אַרבעטער, און באַלד יענעם, האַלצהעקער און מוליערס און סטאָליערס און סתם (סטאָם) הענט. אים דינגט קיינער נישט. שוין באַלד קיינער נישט געבליבן פון די באַלמעלאָכעס. אָט, און ער איז שוין איינער אַליין. וואָס טוט מען איצטער? נאָר ער פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ. וואָרן וואָס אַרט אים נאָכאַלעמען? ער דאַרף אָנהאָדעווען ווייב און קינדער, און האָט חלילה (כאַלילע) נישט מיט וואָס? נישטאָ זיך וואָס מצער צו זיין. גאָט איז אַ פּאָטער. אויב נישט דאָ — וועט ער זיך גיין ווייטער, זוכן ערגעץ אַנדערש גליק. און ער וואַרט טאָקע נישט לענגער.

באותו־רגע (בעאויסע־רעגע) אָבער קומט צו אים צו אַ ייד און פרעגט אים, צי וויל ער גיין זיין אַ משרת (מעשאָרעס). איז ער, דער בחור (באָכער), צופרידן און גייט. דעם ערשטן טאָג האָט מען אים געגעבן אויסצוקערן דאָס געוועלב און אויסצופּאַקן סחורה. אַפן צווייטן טאָג האָט מען אים מיטגעשיקט מיט קונים אָפּצוטראָגן די געקויפטע סחורה. אַזוי האָט ער געאַרבעט ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט באַדינען און פאַרקויפן. צום סוף האָט אים דער באַלעבאָס אָנפאַרטרויט צו פאָרן אַליין איינקויפן סחורה. נאָר דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן צרות (צאָרעס). וואָרן כל־זמן (קאָלזמאָן) ער איז געגאַנגען מיטן באַלעבאָס אָדער מיט קונים — האָט זייער מזל איבערגעוואויגן און גורם געווען צו גוטן. ווי אָבער ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו טון אַליין עפּעס, האָט זיין שלימזל איבערגעוואויגן און גורם געווען נאָר צו שאַדן.

איינמאָל שיקט אים דער באַלעבאָס אַוועק ברענגען אַ וואָגן סחורה. דינגט דער בחור אַ בעל־עגלה (באַלאַגאָלע) און פאָרט אַוועק נאָך דער סחורה. אױפֿן וועג צוריק ברעכט אויס אַ שטורעם מיט אַ שלאַקסרעגן און מאַכט אַ תּל (טעל) פֿון דער גאַנצער לאַדונג. און סע ווערט אַ גרויסער שאָדן. אַז ער קומט און זײַן באַלעבאָס דערזעט דעם שאָדן, כאַפּט ער זיך אָן בײַם קאָפּ און שרײַט, וואָרן אָט דער היזק האָט אים פּשוט (פּאָשעט) אונטערגעגראָבן די פּרנסה (פּאַרנאָסע). און פֿון צער האָט ער דעם בחור אַרויסגעטריבן. ער האָט געטײַנעט, אַז דער בחור איז שולדיק. ער האָט געדאַרפֿט פֿאַרשטיין און זען ערגעץ איבערצוּוואַרטן דעם שטורעם.

און אַז מע טרײַבט — גייט מען. און דער בחור האָט נישט קיין ברירה (ברײַרע) און נעמט זײַן פּעקל און גייט אַוועק. אַז ער קומט אָן אין אַ צווייטער שטאָט, גייט ער אין מאַרק אַרײַן און שטעלט זיך צווישן די טאָגלוינער, אפֿשר וועט אים ווער נעמען אױף אַרבעט. נאָר קיינער קוקט זיך אױף אים אפֿילו נישט אום. וואָרן אַזוי איז שוין, אַז מע האָט נישט קיין מזל. אַלע באַלמעלאָכעס, וואָס זענען דאָרטן געשטאַנען, האָט מען אַוועקגענומען צו אַרבעט, אים נישט. בײַ אים אױפֿן שטערן איז אפֿילו נישט געווען אָנגעשריבן, אַז ער איז אַ שלימזל, און דערקענען אָן אים האָט מען נישט געקאָנט דערקענען, וואָרן אױפֿן אָנבליק איז ער גראָדע געווען שיין, און אַ יונגער בחור צו דעם! און דאָס וואָס באַלעבאַטים האָבן אַלעמען גענומען און אים נישט — האָט מען נישט געטון בכּיוון. די באַלעבאַטים איז אפֿילו אױפֿן זינען נישט געקומען, אַז אָט דער בחור איז אַ שלימזל און דערפֿאַר נעמען זיי אים נישט. ניין, גאָרנישט ניט פֿון די אַלע זאַכן האָבן צו דעם גורם געווען. עס איז אַסך פּשוטער. אַ מענטש דערפֿילט אַ מענטשן, און אַ נשמה דערפֿילט אַ נשמה, אפֿילו

ווען דאָס פּנים באַהאַלט און פאַרשטעלט וואָס סע טוט זיך אינעווייניק אין דער נשמה פון דעם מענטשן. פאַראַן עפּעס איידלערס, פיינערס, וואָס פירט צונויף איינעם מיט דעם צווייטן. דהיינו: ווען אַ באַלעבאָס קומט אױפן מאַרק נאָך אַ באַלמעלאָכע, אַ מוליער אַשטייגער, קומט ער דאָך אַוואַדע, וואו די מוליערס שטייען. און הגם (האַגאַם) סע שטייען אַסך מוליערס און אַלע נעמען גלייכן לוין פאַרן טאָג, און אױפן פּנים קאָן מען אויך נישט דערקענען ווער עס איז אַ בעסערער באַלמעלאָכע, נאָר פון זיך אַליין גייט ער, דער באַלעבאָס, צו צו איינעם און דינגט אים, און נישט קיין אַנדערן. און אַן אַנדערער באַלמעלאָכע טרעפט זיך מיט אַן אַנדערן באַלעבאָס. און אַזוי באַגעגנט זיך יעדער באַלמעלאָכע מיט זיין באַלעבאָס. הגם דער באַלעבאָס פילט אַפילו נישט, אַז אים האָט עפּעס אַ ציִ געטון צו דעם אַרבעטער און נישט צו דעם אַנדערן.

דערווייל גיט אים ווער אַ שלעפּ ביים אַרבל:

— וואָס שטייסטו, בחור? אַ שאָד די צייט.

— איך זוך אַרבעט, זיידע.

— וואָס קענסטו טון?

— אַלץ, זיידע. נאָר נישטאָ קיין מזל.

— גוט, בחור. גיי מיט דער גאַס אַראָפּ ביזן וואַסער. דאָרט גרייטן זיך איצט חברה (כעוורע) פישער אױף וייטן פאַנג. גיי, זיי וועלן דיך מיטנעמען. נאָר לאָז דיך נישט קיינמאָל אַליין אױפן וואַסער. זיי מצליח (מאַצליאַך).

— אַ דאַנק, זיידע. אַ גוטן טאָג.

און דער בחור נעמט און גייט אַוועק מיט דער גאַס, וואָס דער אַלטער האָט אים געוויזן, ביז ער קומט צו צו אַ גרויס וואַסער. ביי דעם ברעג האָבן פישער פאַרריכט שיפלעך און



דער בחור קומט צו צו די פישער

נעצן, און זיך געגרייט אַף גרויסן פֿאַנג, וואָרן דאָס איז גראָדע געווען פּרילינגצייט, בעת פֿיש קומען מיטן וואַסער סטאַיעסווייז.

אַפֿן אַנדערן טאָג, באַגינען, פֿאָרט דער בחור אַרויס מיט די פֿישער אַפֿן וואַסער. מעת־לעתן גאַנצע רודערן זיי קעגן שטראָם, ביז זיי קומען צו צו אַ שמאָלן אינזל, אינמיטן טייך. אין ביידע זייטן איז דאָס וואַסער ענג און שטראָמיק. דאָ איז גוט צו כאַפּן, וואָרן דאָס וואַסער רייסט און די פֿיש שטעלן זיך קעגן שטראָם. דאָ טאַקע שטעלן זיי זיך אָפּ און פֿאַרוואָרפֿן די נעצן איבער דער גאַנצער ברייט פֿון וואַסער.

וואָכנלאַנג איז מען געלעגן איבערן וואַסער. טאָג ווי נאַכט האָבן זיי געאָרבעט. די נעצן פֿאַרוואָרפֿן און געצויגן. טייל האָבן גערייניקט די פֿיש און זיי געטריקנט אַפֿן אינזל. די שיפֿלעך האָבן אָנגעהויבן ווערן פֿולער, ביז חברה פֿישער נעמט טראַכטן פֿון פֿאָרן אַהיים. דער בחור האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרק און פֿלינק אין דער אַרבעט, און די פֿישער האָבן אים שוין גע־האַלטן פֿאַר אַן אייגנעם מענטשן אַף וועמען מע קאָן זיך פֿאַר־לאָזן. יעדע נעץ צו וועלכער ער האָט זיך צוגערירט, איז ביים אַרויסציִען געווען שווער פֿון שפֿע (שעפֿע) מיט פֿיש. אים, דעם בחור, איז ליב געווען די אַרבעט און ער האָט פֿאַרגעסן וואָסער שלימזל ער איז. דאָס מזל פֿון די פֿישער האָט דאָ איבערגע־וואויגן און האָט דאָס גורם געווען צו אַזאַ שפֿע. פֿישער אַליין האָבן געקוקט אַף דער שפֿע און זענען אויך פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער אַרבעט. די שיפֿלעך זענען שוין געווען פֿאַרפֿול מיט געטריקנטע פֿיש, און אַפֿן ברעג זענען אויך געווען אָנגעהויפֿט קופּעס פֿיש. און צום פֿאַנג האָט גאָרנישט ניט גענומען קיין סוף.

דער בחור מיט זיין פֿלינקייט איז ביי חברה אַזוי חשוב (כאָשעוו) געווען, אַז וואָס מע האָט באַדאַרפֿט צו טון, האָט מען זיך געראָטן מיט אים, און צוגעהערט זיך צו זיינע רייד. וואָרן

ער האָט זיי עטלעכע מאָל געגעבן גוטע עצות (אייצעס). דהיינו: די געטריקנטע פיש זענען כסדר געווען אין סכנה (סאַקאַנע) צע־ווייקט צו ווערן פון אַ רעגן, חוצדעם זענען די שיפלעך בעת אַ רעגן געוואָרן פול מיט וואַסער, און עס איז זיי דערנאָך שווער געווען אויסצושעפּן, שוין מחמת דער מאַסע פיש, וואָס איז גע־ווען אין זיי. האָט ער, דער בחור, זיי געגעבן אַן עצה: אַף די פולע שיפלעך זאָל מען אויבן אויסלייגן איינע איבער די אַנדערע די גרעסטע פיש, מיט די עקן אַראָפּ, און איןביידע זייטן נידע־ריקער ווי אינמיטן. ווי מע לייגט אַשטייגער אויס קאַפּליעס, אָדער שינדלען אַף אַ דאַך. אַף אַזאַ אופן איז טאַקע זייער אַסך פאַרהיט געוואָרן פון שאָדן, און דאָס האָט נאָך פאַרשפּאָרט אַסך אַרבעט.

דערווייל איז אַריבער דער זומער. און עס איז געקומען הערבסט־צייט מיט שווערע רעגנס. די שיפלעך ליגן אין וואַסער ביזן דעק, פון שווערן לאַד. כאַפּט כאַפּט מען נישט מער. די נעצן זענען שוין לעצטנס געווען פול מיט כלערליי (קאַלערליי) גע־וויקסן, שטיינער, וואַסער־ווידמונגגען. אַפּן וואַסער איז נישטאָ מער וואָס צו טון. בלייבט איין זאַך — פאָרן אַהיים. לייגט מען צונויף די נעצן, מע בינדט אָפּ די שיפלעך פון די קאָלבעס אין וואַסער, נאָכדעם טשעפּעט מען צו אַ שיפל צו אַ שיפל, איינס הינטערן אַנדערן, און — הײַדאַ, אַראָפּ צו מיטן וואַסער. דער בחור פאָרוים. ער איז דער גאַנצער פירער. מע פאָרט אַזוי טעג, נעכט. און די רעגנס גיסן, און דאָס וואַסער ווערט גרעסער, אָנ־געשוואָלענער.

דאָ האָט זיך דאָס מזל באַשיינפּערלעך אַ דריי געטון. די פישער אַליין האָבן דאָס גורם געווען אַף זיך. וואָרן ווי נאָר זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צוצוהערן און פאָלגן דעם בחור, האָט זיין שלימזל איבערגעוואויגן און גורם געווען צו דעם אַלעמען.

די פישער האָבן זיך אין אַלץ אָנפאַרטרויט אין אים — מיט דעם האָט זיך זייער מזל אָפּגעטון. שוין דאָס, וואָס מען איז פאַרבליבן ביזן הערבסט און די רעגנס — האָט דער בחור גורם געווען. און וואָס ווייטער וואַקסט אַלץ גרעסער די סכּנה אָפן וואַסער. דאָס וואַסער טראָגט, קערעווען איז שווער, איין שיפל קלאַפּט זיך אָן אָן אַ צווייטן, און אָט שטויסן זיי זיך אָן אין איין זייט בערג, אָט אין דער צווייטער. יעדער שטוים איז סכּנות־נפשות (סאַקאָנעס־נעפאָשעס). וואָרן די שיפלעך שווימען ביזן רעק אין וואַסער, מחמת זיי זענען פול, איבערגעפּילט. די רעגנס ווערן שווערער, און דאָס וואַסער — העכער, שטראָמיקער. עך, וואָלטן זיי זיך נאָר קענען ראַטעווען דאָס לעבן, זיי וואָלטן איצט מער גאָרנישט ניט וועלן. זיי זענען קלאָר, אַז דאָס האָט ער, דער בחור, זיי פאַרפירט. זייער כּעס אַף אים וואַקסט, וואַקסט ווי דאָס וואַסער. זיי פּילן — אַריינצוואַרפן אים אין וואַסער אַריין. נאָר אַז מען איז אַליין אין אַ צרה איז דאָס האַרץ פול מיט רחמנות (ראַכמאָנעס). אַפילו ווען מען איז אין כּעס. און דער בחור אַליין פילט זייער געמיט. ער ווייסט, אַז דאָס האָט ער גורם געווען צו דעם. ער דערמאָנט זיך די לעצטע באַגעגעניש מיטן אַלטן אָפן מאַרק. דעם אַלטנס ווערטער — ער זאָל נישט בלייבן אַליין. און ער פאַרשטייט איצט: אַליין איז ער טאַקע נישט געבליבן, נאָר דאָס, וואָס ער איז געוואָרן דער גאַנצער דעה־זאָגער (דייעזאָגער) און פירער, איז גלייך ווי ער וואָלט געווען אַליין. ער דערמאָנט זיך אָן אַלע צרות פון פריער: אין דערהיים, ביים סוחר. ער ווייסט, אַז ער האָט נישט מער וואָס צו לעבן אַף דער וועלט. און ער נעמט און שפּרינגט אַריין אין וואַסער אַריין.

דעם בחור איז אָבער געווען באַשערט צו לעבן. און אַז איינער האָט יאָרן — ווערט ער פון דער גרעסטער סכּנה געראַ־

טעוועט ווערן. און וואָס איז דער חילוק אַף וואָסער אופן דער בחור איז געראַטעוועט געוואָרן, אַז עס זענען פאַראַנען טויזנטער וועגן און זאַכן, וואָס קאָנען אונטערקומען בשעת סכנה און אַרויס־ראַטעווען... אַפילו דער בחור אַליין ווייסט נישט ווי ער קומט אַפן ברעג. ער פילט, זיינע מלבושים (מאַלבושים) זענען נאַס, און אים איז קאַלט. נעמט ער און הייבט זיך אוף, און גייט, און גייט, און גייט — ערשט, ער איז אין אייגענעם דאָרף פאַרן פאַטערס הויז.

דער בחור איז געבליבן אין דערהיים. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט גלייך ווי גאָרנישט ניט וואָלט געשען. וואָרן אַזוי איז. אַז אַ מענטש לעבט האָט ער נאָך האָפענונג. און ער, דער בחור, איז דאָך נאָך צו דעם אַזוי יונג... און אַרבעט האָט ער ליב — דאָס לעבן. און איז געשיקט. נעמט ער זיך טאַקע צו כּל־עבוֹדת־פּרך (קאָל־אַוואוידאַס־פּערעך) אין פאַטערס הויז. און פון אָנהייב איז כּסדר אַלץ גוט, נאָך בעסער ווי ביי אַן אַנדערן. דערפאַר איז דאָס אומגליק שפּעטער שווערער און גרעסער ווי ביי אַן אַנדערן. און אַז עס איז אַוועק אַ צייט, האָבן זיך טאַקע אָנגעהויבן די צרות אָפּסניי. איצט האָט אים דער עלטערער ברודער זיינער נאָך מער געררודעפּט, און האָט אים סעקירט מיט שטעכווערטלעך. דהיינו: מע שיקט אַן אָקס קיין אַלמיץ און ער קומט צוריק אַן אָקס. אָדער: אַ נאַר און אַ שיכּור זאָל מען גיין אויסן וועג. אָדער: בעסער ביי אַ חכם צו פאַרלירן, איידער ביי אַ נאַר צו געווינען. און נאָך און נאָך אַזעלכע ווערטלעך האָט ער פאַר אים געהאַט, דער ברודער זיינער. וואָרן ער, דער עלטערער ברודער זיינער, האָט אים קודם־כּל געהאַלטן פאַר אַ שוטה, אַ נאַר.

זעט דער יינגערער, דער שלימזל, אַז וואָס־וואָס — אין דער־היים איז נישט קיין פּלאַץ פאַר אים. און טאַקע ווי נאַר עס איז

געוואָרן ווארימער און עס האָט זיך באַוויזן די ערשטע שוואַלב — נעמט ער אַ לאַבן ברויט און, אָן אַ זיי־געזונט, לאָזט ער זיך אַפּסנייי אין דער וועלט אַריין.

און ער גייט זיך אַזוי מיט אַ גרינג געמיט איבערן וועג. צעפּייפט זיך אַ פויגל — זינגט ער אים נאָך, קומט ער צו צו אַ וואַסער, אַ קוואַל — טרינקט ער זיך אָן, און זינגט און גייט ווײַטער. ערשט, ווי ער גייט אַזוי, דערזעט ער ווײַט אויפן וועג קײַקלט זיך אַ קײַקעלע. און דאָס קײַקעלע קומט נעענטער, נעמט וואַקסן און וואַקסט. וואַקסט אָט ווי אַ קינד די גרייס, ווי אַ מענטש, ווי אַן עלפאַנט, ווי אַ דעמב — ערשט, עס איז אַ ריז. ער, דער בחור, שרעקט זיך אָבער נישט. ער גייט אים גלײַך אַנטקעגן. אַזוי נעענטערן זיי זיך איינער קעגן אַנדערן. און דער בחור זעט, דער ריז טראָגט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. אַז זיי זענען שוין איינער קעגן אַנדערן, גריסט אים דער בחור, און זאָגט:

— ריז, גוטמאָרגן.

— גוטמאָרגן, בחור.

— וואוהין גייסטו, ריז? נעם מיך מיט מיט דיר.

— צו דײַן ברודער. איך טראָג אים גליק אין זאַק.

— ווער ביסטו?

— זײַן מזל.

— ריז, וואו איז מײַן מזל?

— דײַן מזל, זון? ווײַט, זייער ווײַט פון דאַנען. אַז דו וועסט דורכגיין אָט יענע פעלדער, וועסטו טרעפן אויפן וועג מײַנעם אַ ברודער. ער זיצט זיך אונטער אַ גרויסן בוים מיט פּירות (פּײַרעס). ער איז אַביסל גרעסער פון מיר. וועסט אים דערקענען. ער וועט דיר מסתמא ווײַזן דעם וועג צו דײַן מזל. ער אַליין איז אַ שומר פון די שטעט צום מענטשנס מזל. גיי געזונט, זון.

— אַ דאַנק, ריז, גיב מיר מיט אַפּן וועג אַביסל גליק פון דיין זאַק.

דער ריז צעבינדט דעם זאַק, נעמט אַרויס אַביסל גליק און גיט אים מיט אַפּן וועג.

נאָכדעם איז דער ריז אַוועק ווייטער אַפּן וועג, פון וואַנען דער בחור איז געקומען, און דער בחור — אַפּן וועג פון דעם ריז. גייט דער בחור און גייט. דער וועג איז שווער. אין פעלד איז נישטאָ קיין סימן פון אַ שטעג. נאָר ער גייט. גייט איבער בלאָטעס און זומפּן. יעדעסמאָל בלייבט ער שטעקן אין אַ בלאָטע. פאַלט און צעהאַרגעט זיך. נאָר אַז ער שטייט אויף — גייט ער ווייטער, הגם אים דאַכט זיך אויס אַסאַכמאָל, אַז שוין בעסער געווען צו ליידן אין דערוהיים, איידער פאַרפאַלן ווערן אין אַ זומפּ.

עס איז אַריבער אַ צייט. ווער ווייסט ווי לאַנג? אין צרות פאַרגעסט מען ציילן און רעכענען. און סע דאַכט זיך אויס, סע געדויערט אַסך לענגער ווי סע געדויערט אין דער אמתן (עמעסן). אַז ער איז אַריבער די זומפּן, קומט ער אַף אַ פעלד מיט פּרוכטביימער. אונטער איין בוים זיצט זיך אַ ריז מיט אַ זאַק ביי דער זייט. פאַרשטייט ער, אַז דאָס איז דער, וועמען ער דאַרף. און ער גייט צו אים צו און גריסט אים:

— ריז, גוטנטאָג.

— גוטנטאָג דיר, בחור.

— אַ גרוס דיר פון דיין ברודער, ריז.

— אַ דאַנק זון. וואוהין גייסטו?

— איך זוך מיין מזל. זאָג מיר, ריז, אפשר ווייסטו, וואו איז מיין מזל?

— דיין מזל? ווייט, זון מיינער, ווייט פון דאַנען. זעסט אָט יענעם וואַלד, אַז דו וועסט דורכגיין אָט דעם וואַלד, וועסטו טרעפן מיינעם אַ ברודער. ער זיצט ביי אַ קוואַל אונטער אַ

בוים. ער איז גרעסער פון מיר. וועסט אים דערקענען. ער וועט דיר ווייזן מסתמא (מיסטאמע) דעם וועג צו דיין מזל. ער איז נעענטער צו די שטערן פון מענטשנס מזל, און איז אליין א שומר אפן וועג צו די מזלות (מאזאלעס). גיי געזונט, זון.

— א דאנק דיר, ריז. גיב מיר מיט אביסל גליק אפן וועג.

דער ריז צעבינדט דעם זאק, נעמט ארוים אביסל גליק און גיט אים מיט אפן וועג.

דער בחור צעזעגנט זיך מיטן ריז און גייט ווייטער. גייט ער און גייט, ביז ער קומט אין וואלד אריין. און קיין שטעג איז אין וואלד אויך נישטא. און די ביימער זענען הויך, געדיכט און אלט. לאזן נישט דורך קיין ביסל שיין. און אף דר'ערד — אנגעפאלענע צווייגן, שטעקנס און דערנער. ער ווערט צענעזעקט, צעבלוטיקט. און ער ווייסט נישט — נישט פון טאג, נישט פון נאכט. ער פארגעסט דעם חשבון (כעשבן) ווי לאנג ער גייט. אזוי איז, אז מעליידט. א מינוט איז א טאג, און א טאג איז א יאר. צום סוף איז ער אויך פון וואלד ארוים בשלום. נאכן וואלד איז א קוואל. דארט ביים קוואל זעט ער זיצט זיך ווער. פארשטייט ער גלייך, אז דאס איז אן אנדערער, א דריטער ברו־דער פון די צוויי ריזן. און אז ער קומט נעענטער — דערקענט ער טאקע, אז דאס איז ער. דער ברודער איז נאך גרעסער. און ער גייט צו און גריסט אים:

— ריז, גוטנאווונט.

— גוטנאווונט, בחור.

— א גרוס דיר פון דיינע גרויסע ברידער, ריז.

— א דאנק, זון. וואוהין גייסטו?

— איך זוך מיין מזל. זאג דו מיר, ריז, אפשר ווייסטו, וואו איז מיין מזל?

— דיין מזל? ווייט זון. נאָך ווייט פון דאַנען. זעץ דיך און בלייב דאָ נעכטיקן. מאָרגן וועסטו גיין. זעסט אָט דעם קוואַל — וועסט גיין גלייך מיט אים. ער ציט זיך דורך פעלדער און טאָלן, אַסך שטעט ליגן אָפּ זיין וועג. נאָר דו שטעל דיך נישט אָפּ. וועסט גיין, ביז דו וועסט קומען צו זיבן בריקן, וואָס ליגן איבער אים. יעדע בריק איז געמאַכט פון אַן אַנדער מאַטעריאַל. די ערשטע איז געמאַכט פון האָלץ, די צווייטע — פון שטיין, די דריטע — אייזן, די פערטע — קופּער, די פיפטע — זילבער, די זעקסטע — גאָלד, און די זיבעטע — פון טייערן איידלגע-שטיין. יעדע בריק האָט וואונדערלעכע חידושים. אַזיינס איז נאָך נישט געזען געוואָרן. נאָך יעדער בריק ליגן ישובים. מאָדנע, וואונדערלעכע. דאָרטן וואוינען די מזלות פון די מענטשן. נאָך יעדער בריק איז אַלץ אַ גרעסערער, אַ שענערער ישוב (יישעוו), נאָר די מזלות קלענערע. די גרעסטע מזלות וואוינען נאָך דער ערשטער בריק, די קלענסטע — אין דעם וואונדערלעכסטן ישוב נאָך דער בריק פון איידלגעשטיין. אַהין וועסטו גיין. דאָרטן געפינט זיך דיין מזל. וועסט עס שוין דערקענען.

דער בחור הערט אוים און בלייבט נעכטיקן ביים קוואַל. אָפּ מאָרגן באַגינען הייבט ער זיך אוף, און גייט אַוועק גלייך מיטן קוואַל. ער גייט דורך שטעט און ישובים. ער שטעלט זיך אָבער נישט אָפּ. ער גייט דורך וועלדער און וויסטעס, און ער פאַרלירט נישט דעם בטחון (בעטאָכן). פון דעם קוואַל איז גע-וואָרן אַ שטראָם, פון דעם שטראָם —אַ טייך. איינמאָל אַ באַ-גינען, מיטן זונאופגיין, זעט ער איבערן שוים פון דעם טייך אַ בריק — אַ פּאַלאַץ. מיט טערעמער, מיט דורכגאַנגען ווי קאָרי-דאָרן צו אינעווייניקסטע צימערן און זאַלן. און אַז ער קומט צו נעענטער, זעט ער, זי איז אינגאַנצן פון האָלץ. די זיילן, די פּלאַנ-קען, די פּאַרענטשעס, די טערעמער — יעדע זאַך איז פון אַן אַנדער

מין געהילץ. אַלץ איז שיין, נאָר פּשוט. פאַרשטייט ער, אַז ער איז אַף דער ערשטער פון די זיבן בריקן צום מענטשנס מזל. ווערט אים ווארעם ווי די האָפענונג אין הארצן.

נאָך דער בריק ליגט אַ שטאָט. די הייזער — גרויס, און מיט גערטנער. נאָר פּראָסט, אָן קונצשטיק. און אַלע זענען פון האָלץ. ווי וואונדערלעך. ער פילט זיך אָבער קליין. דאָ וואוי־נען די גרויסע מזלות פון מענטשן. אין די גאַסן גייען אַרום ריזן. וואָס איז ער קעגן די מזלות. און זיין מזל איז דאָ נישטאָ. ער ווייסט עס.

דער בחור גייט ווייטער. ער איז שוין אויסער דער שטאָט. פון איין שטאָט צו דער צווייטער איז איצט נישט ווייט. ער זעט באַלד איבערן שוים פון טייך אַ צווייטע בריק, אַ ווייסע. דאָס איז די בריק פון שטיין. דאָ זענען די וועגן ווי דורכגאַנגען, די דורכגאַנגען — אַלייען. אַלץ איז אָבער פּראָסט און פּשוט ווי אַף דער ערשטער בריק. נאָך דער בריק — אַ שטאָט פון ווייסן שטיין. הייזער — נאָך גרעסער ווי אין דער ערשטער שטאָט. דאָ וואוינען אויך די גרויסע מזלות פון מענטשן. ריזן אין די גאַסן און אין די הייזער. אַביסל קלענער אָבער ווי אין דער ערש־טער שטאָט. זיין מזל איז דאָ אויך נישטאָ. ער ווייסט עס.

ער גייט ווייטער. פון איין שטאָט אין דער צווייטער. פאַר יעדער שטאָט אַ בריק איבערן וואַסער. ער קומט אַזוי אין דער אייזערנער שטאָט און אין דער שטאָט פון קופּער. דאָ זענען די הייזער נאָך גרעסער. די געביידעס האָבן שוין אַלערליי קונצ־שטיק. טערעמער ביז אונטער די בלויען. די מזלות זענען אָבער אַסך קלענער. ער ווייסט — אויך דאָ איז זיין מזל נישטאָ. און ער גייט ווייטער. ער קומט אין דער זילבערנער שטאָט און אין דער שטאָט פון גאָלד. די בריקן צו די שטעט זענען ברייטע קייזערשטראָזן. די שטראָכעטן און פאַרענטשעס — אויסגעגאָסן



דער בחור ביי איינער פון די בריקן מיט טערעמער

פון זילבער און גאָלד. שטאַנגען מיט קנעפּ, מיט בעכערס, מיט פּאַקלען. זײלן מיט מענטשן און מיט רײטערס. די שטעט פינק־לען. יעדעס הויז, יעדע געבײדע מיט טערעמער אין די בלויען. אויסגעקלאַפּטע קונצשטיק אַף יעדער טיר און טויער. אין דער שטאָט פון גאָלד איז יעדער הויזאײנגאַנג מיט ביימער פון גאָלד. דאָ וואוינען קלײנע, גאָר קלײנע מזלות. אין די גאַסן גײען אַרום קאַרליקלעך, שרעטעלעך. זײ זעען זיך אַפילו נישט אָן אין דער פּראַכט פון דער שטאָט...

איצט דאַרף נאָך דער בחור אַריבערגײן אײן בריק, און ער איז אין דער שטאָט, וואו זײן מזל איז. ער גײט. אָט איז ער אַף דער בריק פון אײדלגעשטײן. די חידושים פאַרנעמען דאָס אויג. יעדע שטאַנג און יעדע זײל בלענדט מיט פינקלדיקע פאַרבן. ער וואָלט זיך דאָ געקענט נעמען אַ הויפן אײדלשטײנער, עס זאָל זײן געננוג אַפן לעבן. נאָר וואָסער באַטרעף וועט עס האָבן אָן דעם מזל... ער וויל זײן פּיצל מזל. ער שטעלט זיך אַפילו נישט אָפּ. גײט און וויל זײן וואָס שנעלער אין שטאָט. די הײזער לײכטן. אַף די ווענט און אַף די ווינקלען זענען אײנגעפּאַסט אַלע מינים חיות, פײגל, ווידמונגען. דאָ, אין דער שטאָט, זענען דאָס די פּיצינקע מזלות פון מענטשן. שרעטעלעך, פאַרזעעענישן — אַ פינגער די גרײס. נישטאָ וואָס אין האַנט צו נעמען. דאָ ערגעץ איז אויך זײן פּיצל מזל. ער גײט איבער יעדן פּאַלאַץ. זוכט און נישטערט. קײנער שטערט אים נישט. אַלץ איז פרײ. ער גײט איבער שטיבער און זאַלן. אַ מוראַדיקע פאַרבלענדעניש. ווי קאָן טאַקע דאָ וואוינען מזל?! אַ רחמנות אַף דידאָזיקע מזלות, אַ רחמנות.

אין אײנעם פון אַזעלכע זאַלן האָט ער געפונען זײן מזל. דאָס מזלע זײנס האָט אים דערקענט. האָט זיך געריסן צו אים. געטאַנצט און געשפּרונגען. דאָס פּיצל מזל האָט געקראָגן זײן

תיקון. ער, דער בחור, פאַרשטייט גלייך, אַז דאָס איז עס, דאָס מזל זיינס. נעמט ער עס און לאָזט זיך צוריק. אַרויס, פון דער שטאָט אַרויס. און פון איין שטאָט אין דער צווייטער, ביז ער קומט צוריק צו דער שטאָט פון האַלץ. נעמען נעמט ער נישט קיין זאַך. ער איז צופרידן מיט זיין מזל. אַז ער איז אַריבער די הילצערנע בריק, קומט אים אַנטקעגן אַן אַלטער. דער בחור דערקענט אים. דאָס איז דער אַלטער, וואָס האָט אים געוויזן דעם וועג צו די פישער. גריסט ער אים:

— גאָט העלף, זיידע.

— גאָט העלף, זון. וואָס טראָגסטו?

— ס'מזל, זיידע, מיין מזל.

— דיין מזל, זון? — היט עס. ווי ס'אויג אין קאָפּ היט עס. וועסט עס אָפּהיטן, וועט עס וואַקסן, ווערן גרויס און וועט דיר לייכטן.

— אַ דאַנק, זיידע, אַ גוטן טאָג.

— אַ גוט יאָר, זון. גיי געזונט.

גייט ער, דער בחור. גייט, ביז ער קומט אין דער שטאָט, וואו ער האָט דאָס ערשטע מאָל געדינט. דאָרט שטעלט ער זיך אַרבעטן אין אַ געשעפט. און ביי זיין פריערדיקן באַלעבאָס איז געוועזן אַ מיידל. זי איז דעם בחור געוועזן געפעלן. אַז ער האָט אָפּגעאַרבעט אַ צייט און אַלץ איז געוועזן וואויל און גוט, זאָגט ער צום מיידל:

— מיידל, איך האָב אַ פּיצל מזל. אויב דו ווילסט, העלף מיר און לאָמיר עס ביידע היטן. וועט עס וואַקסן און אונז לייכטן. וועלן מיר קענען חתונה (כאַסענע) האָבן.

דאָס מיידל איז אָבער געוועזן אַ צעלאָזענע. איר איז אָפילו נישט געלעגן אין זינען צו העלפן היטן דאָס פּיצל מזל. אַז דער בחור זעט, זיין מזל וואַקסט נישט, איז קליין ווי געוועזן, זאָגט ער:

— מיידל, היט דאָס פּיצל מזל, היט.

נאָר דאָס מיידל פֿאָלגט אים נישט. נעמט דער בחור זיין פּיצל מזל און גייט אַוועק. ער קומט אין אַ דאָרף אַריין און שטעלט זיך אַרבעטן. און ביי זיין באַלעבאָס איז געווען אַ מיידל. זי איז דעם בחור געפֿעלן געוואָרן, און דער בחור — איר. אַז ער אַרבעט אָפּ אַ זומער און זעט, אַז אַלץ איז וואויל און גוט, זאָגט ער:

— מיידל, איך האָב אַ פּיצל מזל. לאָמיר חתונה האָבן, און וועסט מיר העלפֿן עס היטן. אַז מיר'ן עס היטן, וועט עס וואַקסן און וועט אונז לייכטן.

דער בחור מיטן מיידל האָבן חתונה געהאַט. דאָס מזלע איז געוואַקסן און האָט זיי ביידן געלייכט דאָס גאַנצע לעבן זייערס.



אַ גאַסט אין כעלעם

גלייב, אַז איך בין אַ פּרינץ,
און — איך בין עס.

לעבן כּסדר (קסיידער) אין אָרימקייט און מאַטערן זיך — איז אַוואַדע שווער. טראַכט זיך איינמאָל דער בחור (באָכער) וואָס ער האָט שוין אַסאַכמאָל פריער געטראַכט:

די וועלט איז גרויס און דערנערט אַלע מענטשן. זי וועט מיך אויך דערנערן. וויפל מענטשן אַזיינע ווי איך זענען דאָס אַרוים אין דער וועלט אָרים און הויל, און זענען שפּעטער צוריק־געקומען רייך און גרויס?! איך וועל מיך אויך אַוועקלאָזן, פּרואוון מיין מזל. און אויב איך וועל נישט צוריקקומען רייך — אָרימער ווי איך בין, וועל איך שוין נישט ווערן.

דער בחור טראַכט זיך אַזוי איינמאָל און נאָכאַמאָל און — אין שיינעם טאָג נעמט ער און טוט ווי ער טראַכט. וואָס מיט־צונעמען — האָט ער נישט, און וואָס איבערצולאָזן — האָט ער אויך נישט, הייבט ער זיך אויף און אָן אַ זיי־געזונט גייט ער אַוועק.

גיין גייט דער בחור מיט אַ לייכטן טראָט און מיט אַ פריי־לעך האַרץ און טראַכט פון די גילדענע טעג, וואָס וואַרטן ערגעץ אַף אים. פייפט און טרילערט, גייט, ערשט — ער האָט אַף עפּעס אָנגעטראָטן. ער גיט אַ שאַר מיט דעם פוס, אַ טאַפּ און אַ טראַכט — אַ ליכטיקן געדאַנק: געלט. נאָכדעם ערשט בייגט ער איין דעם קאָפּ, גיט אַ קוק: — אַ פאַרבונדן טיכל. הייבט ער עס אויף, וועגט עס אין דער האַנט, וואָרן עס איז געווען שווער, און ער זאָגט:

— וואָרהאַפּטיק, דאָס איז נישט עפּעס אַנדערש, נאָר געלט.

און אַז ער בינדט דאָס טיכל פֿאַנאַנדער, טאַקע — צען גילדענע טאָלערס.

— אַהאַ, דאָס איז אַ וואונק פֿון מזל (מאַזל)! — קאָן ער זיך אַזש נישט איינהאַלטן פֿון גרוים גדולה. ער באַהאַלט דאָס געלט אין דער הויזן־קעשענע און גייט ווייטער.

איצט איז ער נאָך זיכערער ביי זיך. און דער וועג איז אים — נאָך לייכטער. גייט ער און גייט ביז — דער וועג האָט אים דערפֿירט אין אַ שטאָט אַריין. און דאָס איז געווען כעלעם די שטאָט.

כעלעם איז שוין דעמאָלט געווען באַרימט. אירע פּאַרשוינען האָבן געשעמט איבער גאָר דער וועלט. אמת (עמעס), כעלעם איז נאָך אין יענע טעג געווען קליין, וואָרן דאָס איז געווען נאָך איידער די כעלעמער האָבן אָפּגעשטופּט דעם באַרג, כּדי גרעסער צו מאַכן די שטאָט, און נאָך איידער די כעלעמער האָבן זיך צעשפּרייט אַריבער אַלע זיבן יאַמען און אָנגעפֿילט די גאַנצע וועלט.

נאָר וואָס אַרט דאָס דעם בחור? כעלעם, צי נישט כעלעם — ער גייט זיך איבער די גאַסן און באַטראַכט די הייזער. און אַז ער קומט צו צו אַ שענק, גייט ער אַריין און זעצט זיך אַוועק.

אַרום און אַרום ביי די ווענט איבערן שענק זענען געשטאַנען טישן און טישלעך, און כעלעמער זענען געזעסן און געטרונקען און גערעדט און גערייכערט. דער שענקער, אין ווייסן פֿאַרטוך מיט אַ גרויסער קעשענע פֿונפֿאָרנט, איז אַרומגעגאַנגען איבערן שענק און האָט דערלאַנגט ביר און וויין, האָט גענומען געלט און געגעבן רעסט.

דער בחור הייסט זיך געבן אַ גלאָז ביר. טרינקט און טראַכט. און בעת ער קוקט אַזוי אָף די כעלעמער — פֿאַלט אים איין אַ

דער בחור מיט דעם געפונענעם געלט אַף דעם וועג קיין כעלעם

פלאַן, שוין גאָרנישט ניט קיין כעלעמער פלאַן. וואָרן דער בחור איז קיין כעלעמער שוין גאָרנישט ניט געווען. און אַז ער האָט אויסגעטרונקען דאָס גלאָז ביר, רופט ער צו דעם באַלעבאָס דעם שענקער, שטעקט אַריין די האַנט אין קעשענע צו באַצאָלן, קוקט זיך אָף די גאָלדשטיקער און רעדט בעת־מעשה (בעאיים־מייסע) אַזוי:

— זאָגט מיר, זייט מוחל, איר זענט דאָ אַוואַדע דער באַלע־באָס, ווייסט איר דאָך מסתמא (מיסטאָמע), ווער זענען דאָ ביי אייך אין שטאָט די אָנגעזעענע שיינע לייט?

ערשט איצט האָט דער שענקער באַמערקט, אַז דאָס איז אַ פרעמדער, און ער ענטפערט:

— אָנגעזעענע? — אַ כעלעמער שמייכל האָט זיך צעלייגט אָף זיין פנים און ער האָט אויסגערעכנט: — דער בירגערמייס־טער, דער בעדער, דער שערער און — דער שענקער, — האָט ער זיך אַליין אויך פאַרגעשטעלט.

— זייער שיין, זייער שיין, באַלעבאָס — דאַנקט אים דער בחור מיט אַ שמייכל און לייגט אַוועק אַ גילדענעם טאָלער.

דער שענקער נעמט דעם טאָלער, שטעקט אַריין די האַנט אין דער פאַרטוך־קעשענע און ציילט רעסט. ער האָט אָבער, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין קליינגעלט גענוג. באַמערקט עס דער בחור, שמייכלט, און מיט דער האַנט גיט ער אַ מאַך, ווי איינער זאָגט:

— זאָל זיין, נישקאָשע.

דער שענקער קוקט, דאַנקט אים, און קאָן מער קיין וואָרט נישט זאָגן. אַ גאַנצן טאָלער פאַר אַ גלאָז ביר... אַזיינס איז אין כעלעם נאָך נישט געהערט געוואָרן. ער שאַרט זיך אַוועק צו די אַנדערע טישלעך, און פון טיש צו טיש.

די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן שושקען און סוידען. און אַזוי ווי דאָס איז געווען אין די טעג, ווען פרינצן און קעניגן פלעגן זיך אַמאָל פאַרשטעלן פאַר פּראָסטע מענטשן און אַרומגיין פאַרשטעלטערהייט איבער דער מדינה, — כעלעם אַליין האָט נאָך דעמאָלט אויך געהאַט אַ קייסער, ער האָט געוואוינט ווייט איבער די בערג, אין דער שטאָט קראָקע, — פאַלט איין איינעם אַ כעלעמער אַזוי צו זאָגן:

— דאָס איז אַוואַדע אַ פאַרשטעלטער, (ווער — האָט ער אַליין נישט געוואוסט), אַ פאַרשטעלטער, נישט קיין אָרימאַן, נאָר ער וויל זיך מסתמא נישט אַרויסגעבן.

און אַן אַנדערער:

— אַוואַדע. איז דען דאָס גאָלדשטיק נישט דער בעסטער באַווייז, אַז דאָס איז אַ פאַרשטעלטער? אַלע ווייסן דאָס שוין פון לאַנג, אַז ווען סע האַנדלט זיך ביי אַ קעניג, אָדער אַ פרינץ וועגן געלט — מיינט עס גילדן געלט.

און אַ דריטער:

— אַוואַדע. זעט נאָר זיין פּנים, זיין מראה (מאַרע).

און וואָס אמת איז אמת. דער בחור האָט געהאַט אַ צאַרט געזיכט. אַביסל אויסגעבלייכט, וואָרן נישט איין מאָלצייט האָט ער אין זיין לעבן נישט דערעסן.

מע האָט צווישן זיך איבערגערעדט מיטן שענקער, ער זאָל צוגיין און אַ שמועס טון. גייט ער צו, דער שענקער, און מיט גרויס פאַרכטיקייט און גאָר אַנדערש ווי פריער, פאַרנייגט ער זיך און זאָגט:

— זיי מוחל, מיין איידעלער, דו ביסט זיכער נישט דאָס, וואָס דו פאַרשטעלסט זיך צו זיין. מע קאָן דאָס גלייך דערקענען אַן דעם קעניגלעכן אויסזען פון דיין פּנים.

דער בחור הערט און אין הארצן טוט אים שטארק הנאה (האנאָע). און סע פאַלט אים איין אַ שפּאַס צו טון מיט די כעלע־מער, און ער גיט אַ שמייכל, ווי איינער זאָגט:

— אַוואַדע, צו וואָס לייקענען, צו וואָס, אַז דער אמת לאָזט זיך נישט פאַרלייקענען, און ער קומט אַרויף ווי בוימל אויפן וואַ־סער?

דער שענקער פאַרשטייט דעם שמייכל, טאַקע אַ כעלעמער, נאָר ער וואַרט נישט, מע זאָל אים אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל.

— זיי געגריסט, האַר! דו ביסט אַוואַדע דער פרינץ פון אונזער ליכטיקן קייסער, געגרויסט זאָל ער זיין. — און ער פאַר־נייגט זיך פאַר אים, ביז צו דער ערד.

אין שענק איז געוואָרן שטיל. די געסט האָבן מיט זייערע אייגענע אויערן געהערט דעם שענקערס רייד, ווי ער רופט אים „פרינץ”, און זיי האָבן גלייך פאַרשטאַנען סאַראַ גאַסט זיי האָבן אין כעלעם. זיי האָבן שוין לענגער נישט געקאָנט איינזיצן: און איינער נאָך איינעם, און שטיל האָבן זיי זיך אַרויסגעשלייכט פון דעם שענק און צעטראָגן די נייעס איבער כעלעם.

אַז דער בחור זעט, זיין שפּאַס גייט אַ גאַנג, שפּילט ער שוין ווייטער דעם שפּיל:

— באַלעבאָס, איך גיי איצט צום בעדער אין באָד אַריין. שטאָפּ מיר אָן אַ גוטע פייקע טאַבאַק, נעם אַ פרישע פלאַש ביר און — ברענג זיי מיר, זיי מוחל, אַביסל שפּעטער אין באָד אַריין.

דער שענקער פאַרנייגט זיך אונטערטעניק:

— צו דינען, מיין האַר, מיין פרינץ. — און ער דערפילט זיך עפּעס אַזוי דערהויבן און גליקלעך פון די שיינע פּאַסיקע ווערטער, וואָס קומען אים אַזוי אומגעריכט אין מויל אַריין, און פון דעם כבוד (קאָוועד), וואָס ווערט אים צוגעטיילט.

אַ גאַסט אין כעלעם

דער בחור איז אַרוים אין גאַס. וואוהין מע גייט — ווייסט ער נישט, נאָר אַ פריילעכער איז ער. און ביי זיך אין האַרצן לאַכט ער פון דעם איינפאַל, פון זיינעם. און אַז ער קומט צו צום שערער, טראַכט ער זיך, מע דאַרף אַריינגיין, ער איז שטאַרק באַוואַקסן.

ער גייט אַריין, שערט זיך אַרום, און אַז סע קומט צו באַצאָלן — נעמט ער און דערלאַנגט דעם שערער אַ גאַנץ גאָלד־שטיק. און בעת דער שערער וויל אים געבן רעסט, שפּילט דער בחור ווייטער דעם שפּיל, וואָס אין שענק, און — ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט:

— נישט נייטיק, זאָל זיין.

דעם שערער האָט אַזש אַ שווינדל געטון אין קאָפּ. אים איז מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן אין די אויגן: זע נאָר, זיצט ביי אים דער פּרינץ — אַלע האָבן שוין געוואוסט סאַראַ גאַסט כעלעם האָט — זיצט, און ער ווייסט גאָרנישט ניט וועמען ער שערט.

— זיי געגריסט, מיין האַר, מיין פּרינץ. קעניגלעך בלוט לאָזט זיך דערקענען פון זיך אַליין. — און ער ווערט ביי זיך קלענער פון קליין, און אין דערזעלבער צייט — אַזוי גרויס און דערהויבן.

דעם בחור טוט אַזש אַ ברי אַ פרייד אין האַרצן: דער שפּאַס גייט אַ גאַנג. און ער גיט אַ שמייכל, ווי איינער זאָגט:

— האָסט געטראָפן.

און אַז ער שטייט שוין אַף דער שוועל, דער בחור, אוועק־צוגיין, דרייט ער זיך אוים, לעבט זיך איין אין דעם שפּיל, און ער גיט אַ זאָג:

— באַלעבאָס, איך גיי איצט צום בעדער אין באָד אַריין. קום אַביסל שפּעטער מיט דיין שער־געצייג. סע קאָן זיין, איך וועל דיך דאַרפן.

— דיין געהאָרכזאַמער דינער, מיין פּרינץ. — ענטפערט דער שערער און פאַרנייגט זיך ביז צו דער ערד, נאָר זיין דער־הויבנקייט וואַקסט און ווערט גרעסער, גרעסער פון אים איינגאַנצן.

דערנאָך איז דער בחור פאַרבייגעגאַנגען אַ גאַסטהויז. גייט ער אַריין און באַשטעלט דאָרטן, מע זאָל אים ברענגען אַ מאָלצייט אין באָד אַריין. און ער גייט אַוועק. ער האָט זיך לייכט דערפרעגט וואו דאָס באָד געפינט זיך. קינד־און־קייט ווייסט.

געקומען — זעצט ער זיך דאָרטן אַוועק אויף דער שוועל. דערזעט דער באָדיונג — באַפאַלט ער אים:

— וואָסערע זיצעכצן אויף דער שוועל דאָ?! נעם גיכער די פּיס, אַז מע זאָל דיין געביין דאָ מער נישט זען.

ער האָט מיט אים גערעדט כעלעמער באָד־לשון, וואָס מיר גיבן איבער אַביסל קלערער.

זאָגט אים דער יונג, דער בחור:

— איך וויל רעדן מיטן באַלעבאָס.

— וואָסער באַלעבאָס, וואָס?

דער בחור אויף דער שוועל פון דעם באָד

— מיט דעם באַלעבאָס, דעם בעדער.

— אַ מעשה, טאַטעלעך! — און ער בייטלט אָפּ אים אויס אַלע וויסטע חלומות (כאַלוימעס), אַז דער בחור טראָגט זיך טאַקע אָפּ, און זעצט זיך אַוועק אָן אַ זייט, אויסער די גרעניצן פון דעם באָד.

דערווייל קומט אָן אַ גאַנצער צוג כעלעמער: ווייבער און מאַנען און קינדער. זיי האָבן דאָך אַ לעבן געוואַרט אָף דעם טאָג, אָף דער שעה. און איצט — דער חלום אָף וואָר. איז דאָס נישט דער טאָג פון משפט, ווען געפאַלענע ווערן אַזוי דערהויבן, און דערנידעריקטע — אַזוי געגרויסט?

פאָרויס פון דעם צוג גייען די כעלעמער שיינע פאַרשוינען: דער שענקער, דער שערער, דער ווירט פון דעם גאַסטהויז, און אַנדערע שיינע באַלעבאַטים. און יעדער טראָגט עפּעס. דער שענקער טראָגט אָף אַ טאַץ עטלעכע פלעשער ביר און אָן אָנגע־שטאָפּטע ליולקע־ציבעק; דער שערער גייט מיט זיין בייטל שער־געצייג; דער ווירט טראָגט אָף אַ טאַץ אַ שמעקעוודיקן מאַלצייט.

און דער ערשטער פרעגט:

— דער פּרינץ — באָדט ער זיך נאָך?

דער באָדיונג איז נאָך פון פריער געשטאַנען חושים, בעת ער האָט דערזען קומען די פּראָצעסיע. איצט האָט ער שוין גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען:

— פּרינץ?! — דעם באָדיונג איז נישט איינגעפאַלן, אַז יענער בחור איז דאָס דער פּרינץ.

— אַוודע, דער פּרינץ! — זאָגט מען אים שטרענג.

— פּרינץ?! דאָ איז קיינער נישט געווען, נאָר אָט יענער שלעפּעריונג. — און ער האָט אָנגעוויזן אָף דעם בחור אָן אַ זייט.

זיי זענען אַפילו כעלעמער — נאָר מע האָט דאָסמאָל מער נישט גערעדט. דער גאַנצער צוג האָט זיך אַ לאָז געטון מיט

אונטערטעניקייט צום בחור, זיי האָבן אים אָנגעהויבן צו גריסן און באַדינען.

דער באַדינונג איז צו צו אים און איז אים געפֿאַלן צו די פֿיס. דערנאָך איז ער אַוועק צו זיין באַלעבאָס, דעם בעדער, האָט אים דערציילט פֿון דעם אומגליק, און אים געבעטן העלפֿן.

דער בעדער הערט אַזאַ מעשה, ציט ער זיך אויס אין זיין גאַנצער גרייס, און שטאָלץ, נעמט צונויף טייערע שטאָפֿן און געוואַנטן — מתנות (מאַטאָנעס) פֿאַרן פּרינץ, און לאָדט דאָס אָן אַף דעם באַדינונג; אַליין — שטאָפּט ער אָן די קעשענעס מיט גילדענע טאָלערס און רענדלעך, און גייט אַוועק זיך באַקענען מיטן פּרינץ.

געקומען — האָט ער זיך קוים דורכגעשלאָגן אַ וועג, און — מיט די מתנות פֿאָרויס באַגריסט ער דעם בחור, דעם פּרינץ, און בעט, ער זאָל מוחל זיין פֿאַר דעם אומכּבֿוד (אומקאָוועד), וואָס ער האָט דורך אים געליטן, און — אַרויסווייזנדיק אים די גאַנצע גאַסטפֿריינטלעכקייט, פֿאַרבעט ער אים צו זיך אַהיים.

דער בחור איז געווען זייער גנעדיק. מיט אַ שמייכל האָט ער מוחל געווען דעם באַדינונג, האָט אָנגענומען די גאַסטפֿריינט-לעכקייט פֿון דעם בעדער, און איז מיט אים געגאַנגען, באַגלייט פֿון גאַנץ כעלעם, אַהיים.

דערווייל האָט די נייעס אויך דערגרייכט דעם בירגער-מייסטער הינטער דעם פֿאַרגראַטעוועטן טויער אַף דעם באַרג אינמיטן כעלעם. אים האָט דאָס שטאַרק פֿאַרדראָסן, און ער האָט זיך די זאַך ממש (מאַמעש) גענומען צום האַרצן:

אַ קלייניקייט, דעם מיילעכס זון זאָל איינשטיין ביי אַן אַנ-דערן, ביי דעם בעדער און — נישט ביי אים!

— זאָל מען זאָטלען זיין פֿערד! — האָט ער אַ באַפֿעל געטון, נאָך דעם ווי מע האָט אים אָנגעזאָגט די נייעס.

און אַליין האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין זיין כעלעמער מונ־דיר מיט די גילדענע עפּאָלעטן און קנעפּ און בענדער, אַף דער ברוסט האָט ער זיך אָנגעשטעקט זיבן מעדאַלן, די דינער האָט ער באַלאָדן מיט טייערע האַנט־אַרבעטן, מיט כּלים (קיילים) פון גאָלד און זילבער, און ער — אַף זיין פערד, מיט די דינער — צופוס — הינטער אים, איז אַוועק מיט אַ ציטערדיק האַרץ מקבל־פּנים זיין דעם פּרינץ.

אַרום בעדערס הויז איז געשטאַנען גאַנץ כעלעם. דערזען דעם בירגערמייסטער — האָבן די כעלעמער געמאַכט אַ וואַרע: דער בירגערמייסטער קומט, אויסגעפּוצט אין זיין גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ.

דער בחור איז זיך בשעת־מעשה געלעגן ביים בעדער אַף אַ דיוואַן, האָט געטרונקען און געררייכערט, און האָט זיך געלאָזט באַדינען מיט גוטע זאַכן.

ערשט — סע קומט אַריין דער בירגערמייסטער, נייגט זיך, קושט דעם זוים פון זיין קלייד, און מיט געהויבענע ווערטער און מיט גרוים געפיל זאָגט ער:

— ליכטיקער פּרינץ, צו מיין גרויסן פאַרדראָס און ווייטיק בין איך ערשט איצט געוואָר געוואָרן, אַז דו ביסט דאָ אין כעלעם, און, אַז דו האָסט אָנגענומען די גאַסטפריינטלעכקייט פון אונזער גוטן בירגער, דעם בעדער. נאָר צי בין איך אַזוי געפאַלן אין דעם קעניגס אויגן און ביי דיר, וואָס דו שטייסט איין ביי דעם בעדער און נישט ביי מיר?

און מיט טיפע רירנדיקע רייד האָט ער אים געבעטן, ער זאָל זיין גנעדיקייט נישט אָפּטון פון אים, און ער זאָל אים נישט פאַרשעמען פאַר זיינע כעלעמער לייט. און ער האָט פאַרענדיקט:

— גרויסער פּרינץ, דיין גנאָד איבער אַלעמען, נעם צו די

מתּנות, און קום, באַשיין מיין הויז, וואָרן איך בין אַוואַדע אין קיין זאַך נישט שולדיק.

דער בחור ענטפערט:

— בירגערמייסטער, עס איז זיכער בלויז אַ טרעפעניש וואָס איך שטיי איין ביי דעם גאַסטפריינטלעכן בעדער. וואָרן איך האָב אין אמתן (עמעסן) אינגאַנצן נישט בדעה (בעדייע) געהאַט זיך אָפּצושטעלן דאָ אין שטאָט. נאָר ס׳איז דאָך שוין אַזוי באַשערט, דעריבער איז טאַקע אַוואַדע גלייכער איינצושטיין ביי דיר, בירגערמייסטער. און דעם פֿאָטער מיינעם וועט עס אַוואַדע אויך ליבערשט זיין.

און ער פֿאַרענדיקט:

— דער גאַסטפריינטלעכער בעדער ווערט אָבער דערהויבן פֿאַר זיין גרויסמוטיקער פריינטשאַפֿט. ער וועט פון היינט אָן זיין — קעניגלעכער בעדער.

די בעלעמער, וואָס האָבן פֿריער שיר-נישט געוויינט, אַז זיי האָבן געזען דעם בעדער מיט דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, — אַסאַך האָבן אים אַפילו נישט פֿאַרגונען דעם כּבוד — האָבן זיך געפֿרייט מיטן גוטן אויסלאָז, און זיי האָבן אויסגערופן:

— לעבן זאָל דער פּרינץ! לעבן זאָל דער בירגערמייסטער און דער קעניגלעכער בעדער!

דער בירגערמייסטער האָט זיך דערפֿילט דערהויבן. מע האָט גענומען דעם בחור און מע האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ טראָגבעטל און, באַלייט פון גאַנץ כעלעם, האָט מען אים אַוועקגעטראָגן אין דעם בירגערמייסטערס הויז הינטער דעם פֿאַרגראַטעוועטן טויער.

געקומען אַהין, האָט מען דאָרט אָפּגעגעבן דעם בחור די שענסטע צימערן, מע האָט אים באַדינט און געקיכלט. די טישן זענען פֿאַר אים אַלעמאָל געשטאַנען געדעקט מיט קעניגלעכע

שפּייזן, וואָס דינסטן און דינער האָבן געגרייט עטלעכע מאָל אין טאָג.

און דער בחור האָט זיך געלעבט ווי אַ פּרינץ. פון יעדער שפּייז האָט ער בלויז פאַרזוכט, ווי סע פּאַסט פאַר אַ פּרינץ.

אָפּט, בעת ער איז אַליין אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, האָט אים שוין אַפילו באַנג געטון אַף דעם גאַנצן שפּיל, וואָרן ער ווייסט וואויל, אַז דער אמת קומט דאָך סוף־כל־סוף (סאָף־קאָל־סאָף) אַרויף ווי בוימל אָפן וואַסער.

נאָר דערווייל איז זיך פאַרלאָפן עפּעס נייעס.

איין שיינעם טאָג שטייט ער אַזוי, דער בחור, ביי דעם פענסטער און קוקט אַרויס. באַמערקט ער אונטן אין גאָרטן צוויי מיידלעך שפּאַצירן. זיי זענען אים גלייך געפעלן געוואָרן. ער האָט שוין געטראַכט ווי אַזוי מע באַקענט זיך מיט זיי.

דערווייל קומט אַריין דער בירגערמייסטער. דער בחור נעמט אָן דעם פּאַסיקן אויסדרוק, אַביסעלע שטרענג — אים איז עפּעס איינגעפאַלן — שטרענג, ווי אים וואָלט עפּעס פאַרדריסן. דער בירגערמייסטער פאַרנייגט זיך, און בלייבט שטיין, ווי סע פּירט זיך, עטלעכע טריט ווייט. און אַז ער באַמערקט נאָך דאָס שטרענגע אויסזען פון דעם פּרינץ, דעם בחור, וואַגט ער נישט דאָס מויל צו עפענען. זיין האַרץ פאַלט אים פּשוט (פּאָשעט) איין. צי האָט חלילה (כאָלילע) נישט געטראָפן עפּעס? נאָכ־אַלעמען זענען זיי דאָך נישט מער ווי פּראָסטע כעלעמער מענטשן. אפשר (עפשער) איז טאַקע נישט אַלץ ווי סע דאַרף צו זיין.

נאָר דער בחור ווייזט אים מיט דעם פינגער צום פענסטער:

— זענען די דאָ אונטן אין גאָרטן דעם בירגערמייסטערס טעכטער?

דעם בירגערמייסטער איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אַפילו

א בעלעמער בירגערמייסטער — ער האָט אָבער גלייך פאַרשטאַנען אין וואָס סע גייט. און מיט אַ טיפן נייג:

— אַוואַדע, פּרינץ, — האָט ער מיט פרייד צוגעגעבן — דאָס זענען זיינע טעכטער.

דער בחור האָט דאָס פריער פאַרשטאַנען. די מיידלעך זענען דאָך דערפאַר טאַקע דאָרט אַרומגעגאַנגען. און ער פירט צו דעם בירגערמייסטער צום פענסטער און זאָגט:

— ביידע שיינהייטן, — זאָגט ער — נאָר אָט די אין דער רעכטער זייט געפעלט אים מער.

דער בירגערמייסטער האָט זיך ווידער פאַרנייגט. וואָרן וואָס קאָן אים, דעם פאָטער, נאָך ליבערשט זיין ווי הערן אַזיינע רייד און — נאָך פון אַ פּרינץ.

מע האָט די מיידלעך אַריינגערופן און מע האָט זיך באַקענט.

דערנאָך זענען געקומען ליכטיקע און ליבע טעג. דער בחור האָט אַרומגעשפּאַצירט אין גאָרטן מיט דעם מיידל, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן. און אַז ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט, האָט מען זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה (כּאַסענע).

און גרייטן אַף דער חתונה האָט זיך געגרייט גאַנץ כּעלעם. מע האָט געשטריקט און געניית, מע האָט געבאַקן און געקאָכט און געפּרעגלט טאָג ווי נאַכט. און אַז ס'איז געקומען דער טאָג — האָט אַף דער חתונה קיין קינד אין וויג נישט געפעלט. און אַ חתונה איז דאָס געווען, אַז אַזאַ חתונה האָט נאָך כּעלעם קיינמאָל נישט געזען. דריי טעג האָט מען געטאַנצט און געשפּילט און געזונגען, מע האָט געטרונקען און געגעסן, און ביז אַף היינט די מעשה נישט פאַרגעסן.

דערנאָך זענען ווידעראַמאָל געקומען ליכטיקע און ליבע טעג. דער בחור האָט נאָר געטראַכט, אַז ס'איז צו גוט, עס זאָל זיין אמת. אפשר איז עס טאַקע בלויז אַ חלום (כאָלעם)? נאָר —

איינמאָל האָט געטראָפֿן עפּעס אַזיינס, וואָס האָט דעם בחור אינגאַנצן אויסגעניכטערט, און אים צעשטערט אַביסל דאָס גליק.

אין שיינעם טאָג פֿאַלט איין דעם בירגערמייסטער, אַז זיין מחותּן, דער מלך, ווייסט דאָך נאָך גאָרנישט ניט, אַז דער פּרינץ האָט חתונה געהאַט מיט זיין טאָכטער. ער רופֿט צונויף זיין הויזגעזינד, און — ווי סע פּירט זיך ביי די כעלעמער, האָט מען גערעדט און גערעדט און זיך געראַטן אַ טאָג אַ גאַנצן. דערנאָך איז געבליבן, מע זאָל דעם צווייטן טאָג זיך ווידער צונויפֿקומען און רעדן. דעם צווייטן טאָג איז געבליבן, מע זאָל דעם דריטן טאָג ווידער זיך צונויפֿקומען, ביז — ביז מע האָט סוף־כּל־סוף באַשלאָסן אָנצושרייבן דעם מלך אַ בריוו ווי די מעשׂה האַלט, און אים אַוועקשיקן מיט אַ שטאַפֿעט צו דעם כעלעמער מלך קיין קראָקע.

די בעסטע שרייבער זענען געזעסן איבער פּאַרמעט־מגילות און האָבן געשריבן און באַשריבן די מעשׂה מיט דעם פֿאַרשטעלטן פּרינץ, און פֿון דער גדולה און גרויסקייט, וואָס כעלעם האָט דער־לעבט מיט דעם, וואָס דער פּרינץ האָט חתונה געהאַט מיטן ביר־געמייסטערס טאָכטער. זיי האָבן אויך באַשריבן די מעלות (מאַי־לעס) פֿון דער כּלה, און — די חתונה האָבן זיי באַשריבן.

יעדער אות איז געווען געציקלט און געדרייט, יעדעס וואָרט איז געווען באַגלייט מיט אַנדערע ווערטער — מיט שיינע, און מיט טייטשן און דערקלערונגען, מיט ווערטלעך און מיט חכמות (כאָכמעס) פֿון אַלטע ספֿרים (ספֿאָרים) און פֿון פֿאַרצייטיקע חכמים (כאַכאָמים).

און זיי האָבן אויסגעלאָזן, אַז אין דעם זכות וועט כעלעם אופֿגעריכט ווערן מיט אַלעמגוטן, און אַז מיט דער גדולה און גרויסקייט פֿון כעלעם זאָל אויך דער מלך זיין געגרויסט און דער־הויבן.

אַז די סופרים (סאָפרים) און שרייבער האָבן פאַרענדיקט דעם בריוו, האָט מען פון אַלע מגילות געמאַכט איין מגילה, און מע האָט גענומען שטאַפעטן, וואָס קומען אַרויס פון די באַרימטע לויפערס פון די פערזישע אַכאַשטעראַנים, און מע האָט זיי אַוועקגעשיקט מיט דעם בריוו און מיט אַסך מתּנות צו דעם מלך קיין קראָקע.

ווי לאַנג סע האָט גענומען דאָס לויפן און וויאַזוי דער מלך האָט אופגענומען די שטאַפעטן — וועלן מיר אויסלאָזן.

נאָר נאָך איידער די כעלעמער שטאַפעטן זענען צוריקגעקומען, איז דעם בירגערמייסטער פון כעלעם אָנגעקומען אַ בריוו, וואָס אַ לויפער האָט געבראַנגט, פון דעם מלך אַליין. און קורץ און שאַרף איז דאָרט געווען געשריבן אין אַזאַ לשון:

דער מלך פון קראָקע און כעלעם, און פון אַלע גרויסע שטעט און ווינציקע פּראָווינצן, וואָס ליגן אין די געמאַרקן פון זיין קעניגרייך, איז זייער צופרידן, וואָס דער פּרינץ האָט חתונה געהאַט מיט דער איידלסטער טאָכטער פון כעלעם. און אַז ער, דער קעניג און די קעניגן וואַרטן מיט אומגעדולד אָף דעם טאָג, ווען זיי וועלן אַליין זען דאָס פּאָרפאָלק — דעם פּרינץ מיט זיין ווייב אין זיין פּאַלאַץ.

לאָז דעריבער דער בירגערמייסטער זען, אַז ווי נאָר סע וועלן אָנקומען די קעניגלעכע לויפער מיט דעם בריוו, זאָל ער זיך פעדערן און גלייך אַרויסבאַלייטן זיין טאָכטער מיט דעם פּרינץ קיין קראָקע, דער קעניגלעכער שטאָט.

אַזוי איז געווען געשריבן.

און אונטן איז דער בריוו געווען געכאַסמעט מיט דעם קעניגס זיגלרינג אָף רויטן טריפּוואַקס, פונוואַנען ס'האָט נאָך אַרויסגעשטעקט אַ רויט בענדל מיט צוויי טראָדעלעך.

די נייע פרייד, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן איבער דעם הויז הינטער דעם פאַרגראַטעוועטן טויער און אַף גאַנץ כעלעם מיטן קומען פון דעם בריוו, איז אַריבער אַלע ברעגן. נאָר נישט גע־פרייט האָט זיך איינאונאיינציקער, דאָס איז דער בחור אַליין. ער איז געוואָרן טרויעריק און געפאַלן. איצט איז גע־קומען זיין סוף. דער שיינער חלום איז מיט איינמאָל צערונען געוואָרן. דער בחור האָט געוואוסט, אַז טאָמער פאַרט ער, וועט ער קיין לעבעדיקער פון דעם מלכם (מיילעכם) הענט שוין נישט אַרויס. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן ווי זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן.

און דער בירגערמייסטער — ער האָט דערווייל צוגעגרייט אַ גילדענע קאַרעטע. כעלעם האָט צונויפגעבראַכט נייע מתנות פאַר דעם פרינץ און פאַר דעם מלך. און איין שיינעם טאָג איז די גילדענע קאַרעטע מיט דעם פרינץ און זיין פרוי, און באַלייט פון דעם בירגערמייסטער און בעדער, פון דעם שענקער און שע־רער, און פון אַלע שיינע לייט, און פון גאַנץ כעלעם, אַוועקגע־פאָרן אַף דעם וועג איבער די בערג צו דער שטאָט קראָקע. ווי אַ גילדענער חלום איז די קאַרעטע פאַרשוואונדן הינטער די בערג און די וועלדער.

מיר וועלן איצט איבערלאָזן כעלעם און די כעלעמער, און מיטפאָרן מיטן בחור, דעם פרינץ.

אַ גאַנצן טאָג איז מען געפאָרן און געפאָרן. צו אָוונט־צו האָט די קאַרעטע זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ האַרבעריק אַף איבער־צונעכטיקן.

דאָ האָט מען זיך געוואַשן, געגעסן און זיך געלייגט שלאָפן, כּדי גלייך באַגינען ווייטער צו פאָרן.

אַלע זענען געשלאָפן מיט אַ זיסן שלאָף. נאָר נישט גע־שלאָפן איז דער בחור. ער האָט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

איז געלעגן און האָט געטראַכט ווי מע ראַטעוועט זיך. אָן אַ שיר פּלענער זענען אים דורך אין קאָפּ. קיין איינציקער איז אים נישט געפעלן. ערשט פאַרטאָג האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט:

איצט, בעת אַלע שלאָפן, אופהייבן זיך שטילערהייט, אַנטון און אַנטלויפן. נישט אַנדערש. ווייטער איז ער פאַרלוירן.

געטראַכט און געטון. ער האָט זיך גענומען אָנטון. דער־ווייל האָט אין דרויסן אָנגעהויבן טאָגן. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן, איז ער נאָך צוגעגאַנגען אַ לעצטן קוק צו טון אָף זיין ווייב. זי איז רואיק געשלאָפן. ער באַטראַכט זי אין מאָטן מאָרגנ־ליכט, און אַ טיפע חרטה (כּאַראָטע) כאַפּט אים אָן. אַנטלויפן גאָר? ער פאַלט פאַר איר בעט און מורמלט:

— ניין; ניין, איכל דאָס נישט טון. ליבע פרוי, שיינע פרוי, איכל ליבערשט שטאַרבן, איידער דיך פאַרלאָזן.

זיין ווייב האָט זיך גענומען וועקן. און ווי נאָר זי האָט געעפענט אירע אויגן, האָט ער ווייטער געשפּילט דעם שפּיל: ער איז געשטאַנען אַ שטאָלצער, און אַ פריילעכער האָט ער צו איר געזאָגט:

— שטיי אוף, מיין ליבע, לאָמיר נישט זאַמען, לאָמיר גיכער פאָרן צו מיין פאָטער, דעם קעניג.

מ׳איז ווידער געפאָרן און געפאָרן אַ גאַנצן טאָג. פאַר־נאַכט־צו האָט מען זיך אָפּסניי אָפּגעשטעלט ביי אַ האַרבעריק אָף איבערצונעכטיקן.

מע האָט זיך געוואַשן, געגעסן און זיך געלייגט שלאָפן, כּדי גלייך באַגינען ווייטער צו פאָרן.

אַלע זענען געוואָרן מיד און זענען געשלאָפן מיט אַ זיסן שלאָף. נאָר דער בחור איז ווידער נישט געשלאָפן. ער האָט געטראַכט ווי מע ראַטעוועט זיך.

אַלץ אַרום האָט געשריגן: ראַטעווען זיך, ראַטעווען. ווי־דעראַמאָל זענען געפלויגן פלענער אין זיין קאָפּ. אָן אַ שיר פּלע־נער. און אַט נעמט באַלד טאָגן. די לעצטע שעה (שאָ) קומט אָן. וואַרט ער — איז ער פאַרלוירן. גיך, גיך כאַפּט ער די קליי־דער, טוט זיך אָן. מע טאָר קיין מינוט נישט פאַרשפּעטיקן. אַט איז ער שוין גרייט צו אַנטלויפן. נאָר איין קוק נאָך אויף זיין ווייב. איין קוק.

ער גייט צו צו איר בעט. זי שלאָפט רואיק און זאַנפט, דאָס מאַטע מאַרגנליכט פאַלט אויף איר פּנים. ער באַטראַכט זי. באַטראַכט, טראַכט, און קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. אַ טיפע חרטה כאַפּט אים אָן. פע, אַנטלויפן? ער פאַלט פאַר איר בעט און מורמלט:

— ניין, ניין. שיינע פרוי, ליבע פרוי, איכ'ל דאָס נישט טון. איכ'ל ליבערשט שטאַרבן, איידער דיך פאַרלאָזן.

דערווייל האָט זי זיך גענומען וועקן. און אַז זי האָט געעפנט אירע אויגן — איז ער שוין געשטאַנען אַ שטאָלצער און האָט געשפּילט זיין שפּיל. און אַ פריילעכער האָט ער זי באַגריסט:

— שטיי אויף, מיין שיינע, מיין ליבע. לאָמיר גיכער פאָרן. מיר זענען שוין נישט ווייט. קום, לאָמיר נישט זאַמען.

דער וועג איז טאַקע שוין נישט געווען ווייט. מיטן זונ־אויפגאַנג האָט מען אין די שטראַלן פון דער זון געקענט זען אויף די ווייטע בערג גילדענע טורעמס. דאָס איז געווען די קעניגלעכע שטאָט קראָקע.

סע האָט שוין נישט גענומען לאַנג און זיי האָבן זיך דער־נעענטערט צו דער שטאָט. דער מלך האָט אַרויסגעשיקט זיי באַגעגענען. מע האָט דאָס פאַרפאָלק מקבל־פּנים געווען קעניגלעך. און אַז מע האָט זיי געבראַכט אין פּאַלאַץ אַריין, האָט דער מלך

אַליין זיי אופגענומען, ווי אַ פאָטער נעמט אויף זיינע קינדער, און ווי אַ מלך — זיין פרינץ.

און נאָכדעם ווי מע האָט זיי מקבל-פנים געווען — איז דער מלך אַריינגעגאַנגען מיט דעם בחור אין אַ באַזונדערער קאַמער. דער בחור האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. און ווי נאָר די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער זיי, האָט זיך אַ וואָלקן אָנגערוקט אַפן מלכס פנים און איז געבליבן הענגען אַף זיינע קעניגלעכע ברעמען. ער האָט אַרויסגעצויגן זיין שווערד פון דער גילדענער שייד און מיט איינגעהאַלטענער שטרענגקייט געפרעגט:

— ווער ביסטו, דו? גייסט אַרום איבערן לאַנד און דער-ציילסט די מענטשן, אַז דו ביסט דער פרינץ! ווייסטו וואָס דיך דערוואַרט איצט, דו באַטריגער?!

— מיין האַר, מיין קעניג, — האָט דער בחור אָנגעהויבן און ער האָט איינגעבויגן זיין קאָפּ ווי ער וואָלט אים אונטערגעטראָגן דעם מלך: — אָט דאָ איז מיין קאָפּ, האַק אים אָפּ. נאָר הער פריער אויס די מעשה. איך וועל דיר דערציילן דעם גאַנצן אמת, פון אָנהייב ביזן סוף.

—דערצייל! — האָט דער מלך אַ דונער געטון.

דער בחור האָט דערציילט. ער האָט קיין זאַך נישט פאַר-הוילן. און ער האָט געענדיקט:

— לעצטע נאַכט, בעת מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין אַ האַרבעריק, האָב איך געטראַכט צו אַנטלויפן. איך האָב מיך אָנגעטון און בין שוין געווען גרייט. אַלע זענען געשלאָפן. פאַרן אוועקגיין בין איך צוגעגאַנגען אַ קוק טון, אַ לעצטן קוק טון אַף מיין ווייב. זי איז געשלאָפן רואיק און זאַנפט. זי האָט פון גאָרנישט ניט געוואוסט. זי האָט געכאָלעמט אַ קעניגלעכן חלום. דאָס מאַטע מאָרגנליכט איז געפאַלן אַף איר פנים. ווען איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין — האָט מיך אָנגענומען אַ טיפע חרטה,

וואָס איך וויל זי פאַרלאָזן. איך בין געפאַלן פאַר איר בעט. איך האָב געפילט, אַז מיר איז ליבערשט דעם קאָפּ צו פאַרלירן, איידער זי צו פאַרלאָזן. און — אָט דאָ, קעניג, האָסטו מיין קאָפּ.

דער מלך הערט און זיין מוט בייט זיך. ער לאָזט אַראָפּ די שווערד, נעמט אָן דעם בחור און זאָגט:

— ווייל דו האָסט אַזאַ הארץ און אַזאַ קאָפּ, און אויב מענטשן גלייבן, אַז דו ביסט אַ פּרינץ — ביסטו אַוואַדע ווערט צו זיין דער פּרינץ. און אַזוי ווי איך האָב נישט קיין זון — וועסטו זיין מיין זון.

ער האָט אַריינגערופן די קעניגן און אַלע הויפּלייט, און פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט ער געלאָזט וויסן:

— אָט דאָ, מיין קעניגן — און ער האָט אָנגעוויזן אויפן בחור — האָסטו אַ זון. ער וועט זיין אונזער פּרינץ. קיין בעסערן קענען מיר זיך נישט ווינטשן.

דערנאָך האָט מען ערשט געמאַכט אַ חתונה, אַ קעניגלעכע. אַ גאַנצע וואָך האָט געדויערט די שמחה (סימכע). מע האָט געטרונקען און געגעסן, און ביז אויף היינט די מעשה ניט פאַרגעסן.

דער פרעמדער, דער פּאַרמער, און דאָס רייך אַף יענער זייט טייך

דעם טייערן אָנדענק פון
מיין ווייב, מיין פריינט — לילי.

אַמאָל איז געווען און נישט געווען — קיין בעסערס ווי אַ גוט האַרץ איז נישטאָ, — אַמאָל איז געווען אַ פרעמדער.

איינמאָל קומט דער פרעמדער צו פאָרן מיט זיין אָרים פערד און וועגעלע אין אַ רייכן דאָרף אַריין. געקומען — שטעלט ער זיך אָפּ, שפּאַנט אויס דאָס פערד, בינדט עס צו צו איינער פון די לייטערס, און גיט אים עסן אין וועגעלע.

דערווייל ווערט שפּעט און סע נעמט ווערן נאַכט. פון דער מעריב-זייט רוקט זיך אָן אַ וואָלקן, און דער פרעמדער זעט, אַז סע קלייבט זיך אַ געוויטער. טראַכט ער: ער וועט שוין מוזן דאָ אין דאָרף איבערנעכטיקן, וואָרן ס׳איז אַוואַדע אַ סכּנה (סאַקאָנע) צו לאָזן זיך ווייטער אין וועג אַריין אַף ביינאַכט.

לאָזט ער דאָס פערד און וועגעלע, גייט צו צום ערשטן נעענטסטן הויז, און בעט אַ נאַכטלעגער פאַר זיך און אַ פּלאַץ פאַר זיין פערד.

ענטפערט מען:

— פאַר אים וועט מען וואו-עס-איז מאַכן אַ געלעגער, נאָר פאַר זיין פערד איז קיין פּלאַץ נישטאָ, וואָרן די שטאַלן זענען פול מיט פערד און בהמות (בעהיימעס).

ניין, טראַכט ביי זיך דער פרעמדער, ער וועט זיין פערד נישט לאָזן אין דרויסן אין אַזאַ נאַכט. ס׳איז אַ צער-בעלי-חיים (צאַרבאַלעכייעם).

און ער גייט אַוועק צום צווייטן הויז. דאָס הויז איז נאָך גרעסער און רייכער. און ער בעט אַ נאַכטלעגער פאַר זיך און

אַ פּלאַץ פאַר זיין פערד. ענטפערט מען אים דאָזעלבע וואָס אין ערשטן הויז:

— פאַר אים וועט מען וואו־עס־איז מאַכן אַ געלעגער, נאָר פאַר זיין פערד איז קיין פּלאַץ נישטאָ, וואָרן די שטאַלן זענען פול מיט פערד און בהמות.

— ניין, טראַכט ביי זיך ווידער דער פרעמדער, ער וועט זיין פערד נישט לאָזן אין דרויסן אין אַזאַ נאַכט. ס'איז אַ צער־בעלי־חיים. אָבער גוט וואָס סע געפינען זיך נאָך הייזער. און ער גייט אַוועק צום דריטן הויז. דאָ איז דאָס הויז אויך גרויס און רייך. און אַז ער זאָגט וואָס ער וויל, גיט מען אים אַזאַ ענטפער ווי אין צווייטן הויז און ווי אין ערשטן הויז. גייט ער אַוועק צום פערטן הויז, און צום פינפטן. נאָר אומעטום דיזעלבע מעשה. אים וועט מען שוין ערגעץ באַלייגן אַף נאַכט, נאָר פאַר דעם פערד — איז קיין פּלאַץ נישטאָ. די שטאַלן זענען איבערגעפּאַקט מיט אייגענע פערד.

דער פרעמדער איז אַזוי אויסגעגאַנגען דאָס גאַנצע דאָרף. און אומזיסט. נישטאָ קיין פּלאַץ. איצט קומט אים אוים אָדער צו לאָזן זיך אַף ביינאַכט אין וועג אַריין, אָדער בלייבן אין דרויסן איבער נאַכט, און אין שטורעם.

און דאָ הייבט זיך אוף אַ ווינט און אַ שניי. דער ווינט בייטשט מיט דעם שניי ווי ער וואָלט גערינטן איבער די דעכער און איבער דעם דאָרף. און דער פרעמדער שטייט לעבן זיין פערד און וועגעלע און וואַרט. צי קלייבט ער זיך נעכטיקן אין דרויסן אין אַזאַ וועטער? צי וואַרט ער אפשר, מע זאָל אים קומען בעטן ערגעץ אַריינצוגיין? וואָס שטייט ער אַזוי?

ערשט — סע קומט אָן אַ פּאַרמער. ער האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אין אַ רייכן הויף, און איצט איילט ער זיך אַהיים. אַז ער זעט — אַ פרעמדער שטייט מיט אַ פערד און וועגעלע

אינמיטן וועג אין אזא וועטער, שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט אים:

— וואָס פאַרפאַרט ער נישט ערגעץ אָף איבער נאַכט?

ענטפערט דער פרעמדער:

— ער איז אויסגעוועזן דאָס גאַנצע דאָרף און האָט אין ערגעץ נישט געקענט געפינען קיין פלאַץ פאַר זיין פערדל; פאַר אים אַליין — אפשר נאָך יאָ, נאָר פאַר זיין פערדל — נישט. אַלע שטאַלן זענען איבערגעפּאַקט מיט פערד און בהמות.

דער פאַרמער פאַרשטייט. פאַר אים איז דאָס נישט קיין נייעס. ער קאָן זיינע רייכע שכנים (שכיינים). זאָגט ער צום פרעמדן:

— קום מיט מיר. איך האָב נישט קיין גרויסע שטאַל, איך האָב אָבער נישט קיין סך בהמות. מיר'ן זיך אָן עצה (אייצע) געבן מיט גאָטס הילף.

און דער פאַרמער פירט דעם פרעמדן צו זיך אַהיים. העלפט אים אַריינשלעפּן דאָס וועגעלע. זיין אייגן וועגעלע שלעפּט ער אַביסל אַרויס, כּדי (קעדיי) ס'זאָל זיין פּלאַץ פאַר ביידע. דאָס פערד שטעלט ער לעבן זיין אייגן פערד, די יאַסלע פילט ער אָן מיט היי, אַז ביידע, זיין פערד און דעם פרעמדנס פערד, זאָלן האָבן אָף ביינאַכט גענוג צום עסן.

דערנאָך פירט ער דעם פרעמדן אַריין אין שטוב. ער נעמט אים אוף: גיט אים וואַסער צו וואַשן זיך, און דערלאַנגט אים עסן וואָס ער האָט. עסט מען, און מע רעדט, און מע בענטשט. נאָכדעם האָט דאָס ווייב אויסגעבעט. פאַר דעם פרעמדן האָט זי געמאַכט אַ געלעגער לעבן אויוון.

אַזוי האָט דער פאַרמער אַרויסגעוויזן דעם פרעמדן זיין גאַסטפריינטלעכקייט.

דער פרעמדער, דער פאַרמער, און דאָס רייך אַף יענער זייט טייך

אַף מאָרגן אינדערפרי, מע שטייט אוף, מע וואַשט זיך, און דער פרעמדער שפאַנט איין זיין פערד און וועגעלע, און פאַר דעם פאָרן זאָגט ער צום פאַרמער:

— באַלעבאָס, קום אַמאָל אַריבער צו מיר, איך זאָל דיר קאָנען אָפדאַנקען פאַר דיין פריינטלעכקייט.

— ווי אַזוי קומט מען צו דיר? — פרעגט דער פאַרמער.

— דו וועסט לייכט טרעפן דעם וועג צו מיר. וועסט גיין מיט דעם געלייז, וואו איך פאָר אַצינד. דאָס געלייז (דער סליאַד) פון מיין וועגעלע איז אַסך ברייטער ווי פון אַנדערע, און סע ווערט נישט פאַרטראָטן.

— איך וועל אַמאָל קומען, אַז איכ׳ל האָבן צייט.

— זייט אַלע געזונט.

— פאָר געזונט.

דער פרעמדער איז אַוועקגעפאָרן.

שפעטער גייט דער פאַרמער אַריין אין שטאַל אויסריייניקן. ערשט — ער זעט עפּעס גלאַנצט אַרויס פון דעם שטרוי און מיסט. ער גיט אַ שאַר אַהער, אַהין — אַ גילדענע פאָדקאָווע גלאַנצט. און דאָ נאָך איינע, אַ דריטע, און אַ פערטע — פיר פאָדקאָוועס גילדענע.



דער פאַרמער אין שטאַל

— די פּאָדקאָוועס זענען זיכער פון דעם פרעמדנס פערד, — זאָגט צו זיך דער פּאַרמער. — נאָר וואָס איז דאָס פאַר אַן אָרימאַן, דער פרעמדער, וואָס באַשלאָגט זיין פערד מיט גילדענע פּאָדקאָוועס? — צי איז עס חלילה (כאָלילע) נישט קיין נסיון (ניסאָיען)? — פאַלט אים איין אַ געדאַנק, בעת ער באַטראַכט אַזוי די פּאָדקאָוועס.

און דערנאָך:

— איך וועל זיי באַהאַלטן אין היי. דער פרעמדער וועט אַוואַדע באַלד קומען נאָך זיי. אָדער איכ׳ל גאָר אַרויסלויפן זען, ער איז נאָך מסתּמא (מיסטאָמע) נישט ווייט פון שטוב.

און ער לויפט אַרויס אַפן וועג, קוקט, ביז דאָס אויג קאָן כאַפּן — נאָר דעם פרעמדן זעט מען שוין נישט. און ער באַמערקט, אַז די רעדער-צייכנס פון דעם פרעמדנס וועגעלע זענען טאַקע אַסך ברייטער ווי פון אַנדערע וועגענער, און מאָדנע: דאָס געלייז גלאַנצט זילבערדיק אין דער גאַנצער לענג פון דעם וועג.

דעם פּאַרמער קומען אַלערליי געדאַנקען אין קאָפּ. ער האָט זיך אין זיין לעבן אָנגעהערט אַסך מעשות און וואונדער. און דאָ — פאַר זיינע אויגן — אַזאַ וואונדער. אַן אָרימאַן — אַ פרעמדער מיט אַן אָרים פערד און וועגעלע, דאָס פערד — באַשלאָגן מיט גילדענע פּאָדקאָוועס, און פון דעם וועגעלע — זילבערנע צייכנס אַפן וועג. —

— אַלץ וועט זיך מסתמא אופקלערן. — מורמלט ער צו זיך אַליין. — ער, דער פרעמדער, וועט ווייט נישט פאַרפאָרן מיט נישט קיין געשמידט פערד. — און ער גייט צוריק אַריין אין שטאַל און שטעלט זיך ווייטער רייניקן.

ער ראַמט און רייניקט, און אַז ער קומט צו צום פּלאַץ, וואו דאָס וועגעלע איז געשטאַנען, ערשט — ער דערזעט אַף דר׳ערד זילבערנע שרויפן.

— ווי אַזוי זענען זיי דאָס אַרויסגעפאַלן? סע וועט אים, דעם פרעמדן, נאָך חלילה טרעפן אַן אומגליק אין וועג. די לייטערס וועלן זיך צעפאַלן, אָדער אַ ראָד וועט אים נאָך חלילה אַראָפּ. דער פרעמדער וועט אַוודע מוזן באַלד קומען נאָך זיי. אַ מאָדנער אָרימאַן. אַ פערדל מיט גלידענע פּאָדקאָוועס, אַ וועגעלע מיט זילבערנע שרויפן...

דעם פאַרמער קומען ווידער אַלערליי מעשׂות אין קאָפּ: אליהו-הנביא, פאַרשטעלטע פּרינצן און קעניגן.

— אפשר איז דאָס טאַקע אַ פאַרשטעלטער פּרינץ? אליהו-הנביא אפשר? — לויפט אים דורך אַ געדאַנק. — איז ער עס ווערט?

און ער קוקט אַף די שרויפן און טראַכט:

ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט קיין פרעמדס. ער אַרבעט דאָס גאַנצע לעבן, און וויפל ער פאַרדינט — איז אים ליב.

און ער נעמט די שרויפן און לייגט זיי אַוועק צוזאַמען מיט די פּאָדקאָוועס, און דעקט זיי איין אין היי. זאָל דערווייל קיינער נישט זען. סע קאָן נאָך ווערן אַ גאַנצע מעשׂה. צו וואָס דאַרף מען דאָס?

אַז סע גייט אַוועק אַ שעה און צוויי, און דער פרעמדער איז טאַקע נישטאָ, רופט דער פאַרמער אַרויס זיין ווייב, דערציילט איר די גאַנצע מעשׂה. דערנאָך פירט ער זי אַריין אין שטאַל אַריין און ווייזט איר אין היי די שרויפן און די פּאָדקאָוועס.

— נו, וואָס זאָגסטו זי אַף דעם?

— וואָס זאָל זי זאָגן? זי מיינט נאָר, אַז מע טאָר די זאַכן נישט לאָזן אין שטאַל. ס'איז גאָלד און זילבער. מע דאַרף זיי באַהאַלטן ערגעץ אין שטוב. ביז דער פרעמדער וועט קומען נאָך זיי.

דער פרעמדער איז אָבער נישט געקומען נאָך זיי. דער טאָג איז אַוועק, און דערנאָך — נאָך אַ טאָג, און אַזוי — אַ וואָך.

איינמאָל אַ פאַרנאַכט — שטייט דער פּאַרמער מיט צוויי שכנים זיינע ביים פאַרקאַן פאַרן הויז, ווייזט זיי דאָס ברייטע זילבערנע געלייז אַף דעם וועג, און דערציילט זיי די מעשה מיט דעם פרעמדן. איצט מעג מען שוין דערציילן — טראַכט ער זיך.

די צוויי שכנים הערן די מעשה, און זייערע אויגן גליען. זיי דערמאָנען זיך גוט דעם בעטלער. און ביידע טראַכטן זיי דאָסזעלבע: אַ גילדן גליק פאַרבייגעלאָזט. דאָס איז זיכער געווען אַ פרינץ, אָדער אַ מלך אַליין.

און וועגן זייער אָרימען שכן טראַכטן זיי:

— אַ שוטה. זיצט אין דער היים. ער קאָן אַוואַדע באַגליקט ווערן, ווען ער פאָרט אַריבער צו דעם פאַרשטעלטן פרינץ, דעם פרעמדן.

אָ, זיי זענען קליגער. זיי ווייסן שוין וואָס צו טון.

די צוויי שכנים האָבן שוין איצט געטראַכט נאָר פון איין זאַך: אַרויסלאָזן זיך זוכן דעם פרעמדן.

און צו זייער שכן, דעם אָרימען פּאַרמער, זאָגן זיי:

— מע דאַרף אַמאָל פאָרן זען ווי ווייט סע גייט דאָס זיל-בערנע געלייז.

איין שיינעם טאָג, נעמט איינער פון די רייכע שכנים און שפּאַנט איין אַ גוט געשפּאַן, און לאָזט זיך אַף דעם וועג מיט דעם זילבערנעם געלייז.

זאָגן זאָגט ער קיינעם נישט וואוהין ער פאָרט. וואָרן די רייכע האַלטן זיך פאַר קלוגע. און זיי ווייסן — קלוגע שווייגן. שווייגן איז גאָלד. אָבער נישט נאָר דערפאַר וואָס די רייכע האַלטן אַזוי שטאַרק פון דעם ווערטל, — נאָר ווייל זיי האָבן אויך אַלעמאָל מורא, אַז טאָמער וועט מען ביי זיי אויסכאַפּן.

פאָרט דער רייכער שכן, פאָרט מיטן זילבערנעם געלייז — פון דעם פרעמדנס וועגעלע. אַ טאָג און צוויי, פאָרט דורך וועלדער, איבער פעלדער, איבער בערג, און דורך טאָלן און דורך טייכן. דאָס זילבערנע געלייז זעט זיך אָן אַפילו אין וואַסער.

איינמאָל פאָרט ער דורך אַ וואַלד. עפּעס אַ מאָדנע וואַלד. אַזוי איז דאָס, דאַכט זיך, אַ וואַלד ווי אַנדערע וועלדער. אַ ווייסער בערעזע וואַלד. נאָר עפּעס אַזוי שטיל, פאַרגליווערט.

און צווישן די ביימער — חיות (כאַיעס): וועוועריקעס, הערשן, האָזן, גאַזעלן. נאָר זיי שטייען אַף איין פּלאַץ, און רירן זיך נישט.

ער שטעלט זיך אָפּ, גייט אַראָפּ און באַטראַכט די ביימער. ער וואונדערט זיך: אַזוי שיין, — און נישט קיין ריר, טויט. ער גייט צו צו אַ האָז, צו אַ הירש. סאַראַ הערנער צעצווייגטע, סאַראַ שלאַנקייט. אָבער אַלץ פאַרגליווערט. אָן לעבן.

דער רייכער שכן (שאָכן) גייט אַרום, באַטאַפּט, באַטראַכט. ער האָט נאָך אַזוינס נישט געזען.

נאָר דאָ כאַפּט ער זיך, אַז זיין וועג איז דאָך אַ ווייטערער. נישט אַהער איז ער געפאָרן. און ער זעצט זיך אוף און פאָרט ווייטער.

נאָך דעם וואַלד קומט ער אַרויס אַף אַן אָפענעם פעלד, אַרום און אַרום מיט ביימער. אַף ביידע זייטן וועג — שטיבער. ביי יעדער שטוב — אַ שטאַנג מיט אַלערליי פליישן: קאַלב־פלייש, רינדפלייש, שאָפנפלייש. און צוויי צויגן — אַ געפלעקטע און אַ שוואַרצע, שלאָגן זיך און רייסן זיך איבערן פלייש. זיי בייסן זיך און בילן, און רייסן איינע ביי די אַנדערע דעם ביסן פון מויל אַרויס.

און קיין מענטשן, וואָס זאָלן זיי אָפּטרייבן איינע פון די אַנדערע, זעט מען נישט. די שטיבער זעען אויס פוסט.

און אַף דעם גרינעם פעלד שלאָגן זיך ציגן איבער דער פּאַשע. שטויסן זיך און שטעכן זיך. פּאַראַן, דאַכט זיך, גענוג פּאַשע פּאַר יעדער פון זיי, און — זיי לאָזן נישט פּאַשען זיך איינע די צווייטע. און ס׳איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל זיי פונאַנדערטרייבן.

דער רייכער טראַכט נישט לאַנג. נאָכאַלעמען — וואָס אַרט עס אים? ער גיט אַ טרייב זיינע פערד און פאָרט ווייטער.

אַריבער דאָס פעלד — קומט ער צו אַ טייך. נאָך דעם טייך — אַ וואַלד. אַ בוכנוואַלד. און צווישן די בוכן — חיות. גע־פערלעכע חיות: בערן, וועלף, פוקסן. נאָר אַלץ איז אַזוי שטיל. קיין זאַך רירט זיך נישט. אַלץ שטייט ווי פאַרגליווערט. נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך.

ער גייט אַראָפּ. באַטראַכט אַ בוים. טאַפּט, פּרוּווט. אַז ס׳איז גאָר אייזן, ביימער פון אייזן, און נישט קיין האָלץ. און די חיות — דאָסזעלבע. אַלע זענען פאַרגליווערט, טויט. און זעען דאָך אויס ווי לעבעדיק. וואונדער, וואונדערלעך.

דער רייכער שבן פאָרט ווייטער. ער מוז דערגיין ביז וואוהין דאָס זילבערנע געלייז ציט זיך. ווייטער איז מסתמא נאָך מער פאַראַן וואָס צו זען.

נאָך דעם וואַלד — אַן אָפן פעלד. רונדאַרום — שטיבער און שטאַלן. ביי די שטאַלן — קאָרעטעס. און ביי יעדער קאָ־רעטע — צוויי חזירים. און נאָר זיי שלאָגן זיך. לאָזן נישט איינער דעם אַנדערן עסן. האַרגענען זיך פאַר יעדן ביסן. קווי־טשען און רייסן זיך. און ס׳איז נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל זיי צעטרייבן.

אין די הויפן הענער. אָנגעצויגענע און מיט אויפגעבלאָזענע פעדערן. זיי פּיקען זיך און שטעכן זיך איבער אַביסל קערנער.



העגער שלאָגן זיך

דער רייכער שכן קוקט און ס׳גייט אים איבער אַ גרויל איבערן לייב. מיטאַמאָל גיט ער אַ טרייב זיינע פערד, און — ווייטער מיט דעם זילבערנעם געלייז אין וועג אַריין. וואָרן וואָס נאָכאַלעמען אָרט אים, אַז חזירים (כאַזיירים) שלאָגן זיך ?

פאָרט דער רייכער שכן און פאָרט. נאָך דעם פעלד — ווידער אַ טייך. נאָכן טייך — ווידער אַ וואַלד. אַ וואַלד פון עשנביימער. און זיי שטייען אין לויטער צווּיט. סאַראַ שיינקייט. נאָר ווידעראַמאָל דיזעלבע מעשה. קיין בוים רירט זיך נישט. שטייען פאַרגליווערט, טויט. און צווישן די ביימער — ווילדע חזירים און געשטרייפטע צעבערעס. געפערלעכע חיות. נאָר נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך. די חיות שטייען ווי זיי וואָלטן לעבעדיקערהייט פאַרשטיינערט געוואָרן. אַן אוצר, נאָר פאַרשטיינערט. נישט פון אָרט צו רירן.

און אַז דער רייכער שכן קוקט זיך גוט צו צו די ביימער, ערשט — ער זעט, אַז זיי זענען טאַקע שטיין. טייערע שטיינער: מאַרמאָר, גראַניט — ווייסער, רויטער, שוואַרצער. און די חיות — אויך פון שטיין. דאָס אויג ווערט פאַרכאַפּט פון די קאָלירן. עך, סאַראַ שטיין־אוצרות.

נאָר דאָס זילבערנע געלייז גייט ווייטער.

נאָך דעם וואַלד — ווידער אַ פעלד. אַפן פעלד גרויסע מיל־שטיינער. צו יעדן מילשטיין איז צוגעשפּאַנט אַן אָקס, וואָס האַלט אין איין דרייען דעם שטיין. די אָקסן זענען באַגאָסן מיט שווייס. בלוט רינט פון זייערע זייטן. און גרויסע שפּאַרבערס פלאַטערן איבער זיי, טרייבן זיי, בייטשן זיי מיט די פליגל, שטעכן זיי מיט די שנאָבלען. און די אָקסן יאָגן זיך רונדאַרום. ווילן אַנטלויפן פון די פייגל, און דרייען דערווייל שנעלער די פוסטע מילשטיינער.

אַף דעם רייכן פאַלט אַ פחד (פּאַכאַד). ער פאָרט שנעלער. וויל וואָס גיכער אַוועק פון די שפּאַרבערס. פון ווייטן זעט ער — שימערט אַ וואַלד. ער פאָרט, קומט נעענטער. אַ דעמבע וואַלד. רויטע דעמבעס, רויט ווי קופּער. און צווישן דיביימער לייבן, לעמפּערטן, טיגערס, און זשיראַפן מיט די קעפּ ביז איבער די קרוינען פון די ביימער.

און ער זעט, אַז דאָ איז אויך נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך. אַלץ איז שטיל, טויט, קופּער.

ער פאָרט אַריין אין וואַלד אַריין, שטעלט זיך אָפּ, גייט אַראָפּ און באַטאַפּט די ביימער. לויטער קופּער. אַך, ער זאָל קאָנען אַהיימנעמען עטלעכע ביימער אַזוינע. דאָס איז דאָך ווערט אַ פאַרמעגן. אָבער מיט וואָס שניידט מען אָפּ אַזאַ בוים, אַז ער האָט מיט זיך נישט קיין געצייג?!

נאָר אָט ליגט אַ צעשניטענער בוים. און נאָך איינער. נו, גוט, אַז ער וועט צוריקפאָרן וועט ער טאַקע אָנלייגן אַ פולן וואָגן קופּער. דערווייל פאָרט ער ווייטער.

נאָך דעם וואַלד — אַ סאַד. אַ סאַד מיט עפּלביימער און מיט באַרנביימער. און די ביימער זענען פול מיט פּירות (פּיירעס). די צווייגן בייגן זיך אַזש צו דר'ערד. און אונטער יעדן בוים



אָקסן, געטריבן פון רויבפייגל, דרייען ליידיקע מילשטיינער

— אַ מענטש. די מענטשן זעען אויס הונגעריק, און זיי ווילן עסן. נאָר דיביימער דרייען זיך און ס׳איז שווער אָפּצורייסן אַ פּרוכט. די הונגעריקע לויפן נאָך מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין דער הייך. אָט, אָט, און איינער האָט אָנגעכאַפּט אַן עפּל. קוים מיט צרות. אָבער ווי נאָר ער נעמט דעם עפּל צום מויל — פּלאַצט ער ווי אַ ליידיקער באַלאָן.

אַביסל העכער, נאָך דעם סאָד, אַ פּלאַץ מיט לויטער ברונעם. ביי יעדער ברונע שטייען מענטשן — אויסגעצערטע, דאַרשטיקע. זיי האַלטן אין איין אַרופּציען וואַסער מיט אַן עמער. אָבער ווי נאָר זיי נעמען דעם עמער צום מויל — פּלאַצט דער דנאָ און דאָס וואַסער גיסט זיך צוריק אין דער ברונע אַריין.

דער רייכער שכן וואונדערט זיך, טראַכט אָבער נישט לאַנג וועגן דעם. ער טראַכט וועגן אַנדערע זאַכן.

און דאָ דערזעט ער טאַקע אין דער ווייטנס שטראַלט און שימערט ווידער אַ וואַלד. אַ נאָדלוואַלד. נאָר נישט קיין גרינער. אַ ווייסער, ווי באַוואַקסן מיט פראָסט: אַ זילבערנער וואַלד מיט פיכטן און מיט קיפּער און מיט טאַנען. גלייכע, שלאַנקע. און אַלע — מיט זילבערנע שטאַמען. און צווישן די ביימער — ווייסע עלפאַנטן און בופלען. לויטער זילבער.

דער רייכער קאָן ווייטער נישט פאָרן. וואָרן וואָס וועט ער טאַקע פאָרן ווייטער, אַז דאָ איז אַזאַ רייכקייט, אַזוינע אוצרות? ! אַלץ איז זילבער, די ביימער, די פייגל, די חיות. ווען ער זאָל נאָר קאָנען אָפּברעכן עטלעכע צווייגן — ער וואָלט געווען דער רייכסטער מענטש אין דער וועלט.

ער כאַפּט אָן אַ צווייג, בייגט אים אַראָפּ. קוקט זיך אַרום, צי קיינער זעט נישט. קיינער. אַ בייג אַהער, אַ בייג אַהין, און אַ בייג אַראָפּ — סע ברעכט זיך. אָט האָט ער שוין אַ צווייג, אַ שווערן — ער קאָן אים קוים אופהייבן. ער לייגט אים אַרוף

אַפן וואָגן. דעקט אים איין מיט היי. ער ברעכט אָפּ נאָך אַ צווייג, און — נאָך אַ צווייג. קיינער זעט נישט. ער לייגט זיי אַריין אין וואָגן און דעקט זיי גוט איין אין היי. איצט וועט ער זיך אומקערן צוריק אַהיים. סע וועט אים שוין זיין גענוג אַפן גאַנצן לעבן.

ער זעצט זיך אויף, דרייט אוים פערד און וואָגן, און לאָזט זיך צוריק אַהיים.

ער פאָרט מיט דעמזעלבן וועג, דורך דיזעלבע וועלדער, דורך דיזעלבע פעלדער. ער קוקט זיך אַף קיין זאַך נישט אום. אַז ער זעט דאָס קופּער אין קופּערוואַלד — איז עס אים אַפילו אַ שאָד צו לאָזן. ער האָט אָבער מורא איצט. אַזוי איז, אַז מע טוט וואָס מע טאָר נישט טון. מע שרעקט זיך. פאַר דעם אייגע־נעם שאָרך און שאָטן שרעקט מען זיך. און טאָמער האָט טאַקע עמיצער חלילה געזען, און לויפט נאָך נאָך . . .

ער טרייבט אָן שנעלער. ער וויל וואָס גיכער זיין אין דער היים. בערג, טאָלן, טייכן — אַלץ שווינדט, פאַרשווינדט הינטער אים. ער שטעלט זיך אַפילו נישט אָפּ צו פיטערן זיינע פערד.

ביינאַכט, פונקט ביינאַכט קומט ער אָן אַהיים. ער פאַר־פאָרט גלייך אין שטאַל אַריין. זאָל קיינער נישט זען. ער שלעפּט אַרוים די זילבערנע שטיקער צווייגן, באַהאַלט זיי אין אַ ווינקל, אין אַ הויפן היי, פאַרדעקט מיט אַ פערד־דעק, און גייט אַריין זיך לייגן. אין הויז שלאָפט מען שוין. בעסער אַזוי. צייט — זיי צו דערציילן. ער לייגט זיך אויך. ערשט איצט פילט ער, אַז ער איז מיד. ער וויל שלאָפן, נאָר סע שלאָפט זיך נישט. דער זילבערנער אוצר לאָזט אים נישט רוען. וויפל פלענער אים קומען אין קאָפּ אַריין! זיין מוח אַרבעט גיך, גיך. איין פּלאַן נאָכן צווייטן. דאַרף וועט שוין איצט זען ווער ער איז. ער וועט ווייזן — די קבצנים די... דאָס גאַנצע דאָרף וועט ער אויסקויפן.

די אַנדערע דערפֿער — אויך. דאָ — וועט ער זיין דער באַלעבאָס.

ער דערוואַרט זיך שוין קוים אַפֿן מאָרגן. און טאַקע ווי נאָר סע הייבט אָן טאָגן, טוט ער זיך אָן און לויפֿט אין שטאַל אַריין זען זיין אוצר. אַלץ איז אַפֿן אָרט, פּונקט ווי ער האָט אים אַוועקגעלייגט. ער נעמט אַראָפּ די דעק, שאַרט אָפּ דאָס היי, ערשט — האַלץ, עטלעכע שטיקער האַלץ. ער איז שיר-נישט אַנידערגעפֿאַלן. אַ שוויים האָט אים באַזעצט. עפּעס אַלץ האָט זיך מיט אים אַ וויג געטון.

אַז ער קומט צו זיך, גיט ער זיך אַ וויש מיטן אַרבל דעם שטערן, ווי ער וואָלט עפּעס וועלן אַרויסווישן די גאַנצע מעשה פֿון זיין קאָפּ. דערנאָך נעמט ער די האַק און צעהאַקט די צווייגן אָף האַלץ צו הייצן. קיינער דאַרף פֿון דער מעשה נישט וויסן. סאַ חרפּה (כאַרפּע). אַן אמתע חרפּה.

איצט וועלן מיר לאָזן דעם רייכן שכן, און מיר וועלן דער־ציילן פֿון דעם צווייטן שכן, וואָס וואוינט אין דער אַנדערער זייט פֿון דעם אָרימען פּאַרמער.

דער צווייטער רייכער שכן האָט — נאָכדעם ווי ער האָט געהערט די מעשה מיט דעם פּרעמדן — שוין אויך נאָר געטראַכט פֿון איין זאַך: אַרויסלאָזן זיך מיט דעם זילבערנעם געלייז צו דעם פּרעמדן. ער האָט געפֿילט, אַז גילדענע גליקן געפֿינען זיך אַפֿן וועג און וואַרטן אָף אים.

איין שיינעם טאָג שפּאַנט ער איין אַ פּאָר גוטע פּערד, זעצט זיך אויף און לאָזט זיך אין וועג אַריין.

זאָגן זאָגט ער קיינעם נישט וואוהין ער פֿאָרט. ער האַלט זיך פֿאַר אַ חכם, ווי אַלע רייכע לייט האַלטן זיך. און אַ קלוגער, אַ חכם — שווייגט. שווייגן איז גאָלד. ער וועט צוריקקומען — וועט מען שוין וויסן. און טאַקע, צו וואָס דערציילן, צו וואָס?! מע קאָן אים נאָך פֿאַרלויפֿן דעם וועג.

פאָרט ער, פאָרט מיט דעם זילבערנעם געלייז, פונקט ווי זיין שכן איז געפאָרן. ער פאָרט דורך דיזעלבע פעלדער, איבער בערג און דורך טאָלן און דורך טייכן.

דערנאָך קומט ער צו צו די פאַרגליווערטע וועלדער. אין ערשטן וואַלד איז אים אַפילו באַפאַלן אַ שרעק. וואָרן אַזאַ טויט־קייט איז דאָרט געווען — אַ פּחד. ער האָט זיך אָבער גיך צוגע־ווינט, און איז זיך געפאָרן ווייטער.

פאָרט ער אַזוי דורך דעם טויטן וואַלד, ביז ער קומט אַף דעם אָפענעם פעלד. דאָ זעט ער — וואָס זיין שכן האָט געזען. נאָר וואָס אַרט עס אים? זאָל מען זיך רייסן, בייסן, שלאָגן. אַבי — אים טשעפּעט מען נישט.

דערנאָך פאָרט ער דורך דעם אייזערנעם וואַלד, און דורך דעם שטיינערנעם וואַלד, און דורך דעם קופּערנעם וואַלד פאָרט ער. ער קומט אַף די אָפענע פעלדער. זעט אומעטום — וואָס זיין שכן האָט געזען. אים אָבער גייט דאָס נישט אָן.

נאָר אַז ער קומט אין דעם זילבערוואַלד — דאָ קאָן ער שוין ווייטער נישט פאָרן. אַזויפיל זילבער. אַזאַ פאַרמעגן. אוצרות. ער קוקט זיך אַרום, צי זעט נישט קיינער. — קיינער זעט נישט. ער גייט צו צו אַ בוים, כאַפּט אָן אַ גרויסן צווייג, גוט, ער גיט נאָך, בייגט זיך. אַ ריס נידעריקער, שוין, ער האָט אים שוין. אָפּגעבראָכן. אַ זילבערנער צווייג! ער קוקט זיך נאָכאַמאָל אַרום, צי זעט מען נישט — מע זעט נישט. וואָרן דער עיקר (איקער) איז, טראַכט ער זיך, אַז מע זאָל נאָר נישט זען. קיינער זעט נישט. ער נעמט דעם צווייג — ער איז שווער, ער קאָן אים קוים דערטראָגן, לייגט אים אַריין אין וואָגן אַריין, דעקט אים צו מיט היי, און — גייט נאָך אַ צווייטן צווייג.

ער ברעכט אָפּ נאָך אַ צווייג, און נאָך אַ צווייג. ס'איז קיינער נישטאָ. מע זעט נישט. לייגט די צווייגן אַריין אין

וואָגן. שוין כמעט אַ פולער וואָגן. ער דעקט זיי גוט צו, מע זאָל חלילה נישט אַרויסזען. בינדט אַרום דעם וואָגן, און—צוריק אַהיים.

ער פאָרט מיט דעמזעלבן וועג. נאָר ער קוקט זיך אַף קיין זאַך נישט אום. ער טרייבט אָן די פערד שנעלער. יאָגט פון זיי אַרויס די נשמה (נעשאָמע). וויל וואָס גיכער אַוועק, אַוועק. די אייגענע מורא יאָגט אים, און ער וויל זיך שוין זען אין דערהיים.

אַז ער קומט אַהיים איז שוין שפּעט ביינאַכט. אַלע שלאָפן. ער פאַרפאָרט אין שטאַל אַריין. פאַרמאַכט דעם טויער, און הייבט אָן אַראָפּנעמען די זילבערנע צווייגן. אָן אימפּעט אַר־בעט אין אים. גיך, גיך. ער נעמט זיי און באַהאַלט זיי אין אַ ווינקל, אין היי, און דעקט זיי נאָך צו מיט אַ פערד־דעק, ס'זאָל זיך חלילה קיינער נישט דערוויסן.

אָפּגעטון די אַרבעט — דערפילט ער, אַז ער איז מיד, צע־בראָכן. אַזאַ לאַנגער וועג! ער גייט אַריין אין הויז אַריין און לייגט זיך שלאָפן. נאָר שלאָפן שלאָפט ער נישט. דער קאָפּ אַרבעט און לאָזט נישט רוען. אָך, וויפל פּלענער סע פאַלן אים איצטער איין. אַ פּלאַן נאָך אַ פּלאַן. ער וועט אַלעמען פּלעפן מיט זיינע געשעפטן. ער איז דאָך איצט שטיינרייך. מיט זיין פאַרמעגן קאָן ער גאַנצע גיטער קויפן. קודם וועט ער אָפּקויפן די אַרומיקע פּאַסעסיעס מיט די וועלדער. וועט אופשטעלן ברעט־זעגן, דאַמפּמילן. דעם טייך וועט ער רעגולירן, — שיפן זאָלן קאָנען גיין. אַ, ער וועט זיי ווייזן — וועט ער זיי — די שכנים זיינע. ער וועט זיי אויסקויפן זייערע פעלדער, זייערע געשעפטן. זיי אַליין וועט ער איינשפּאַנען ווי אָקסן אין זיינע פאַבריקן. הערשן וועט ער, הערשן.

אַ, סאַראַ וואונדערלעכע פּלענער ער האָט דאָס. און טאַקע גלייך אינדערפרי וועט ער זיך נעמען צו דער אַרבעט. זאָל נאָר טאָג ווערן. ער וועט שוין סיי־ווי־סיי נישט שלאָפן.

און טאַקע ווי נאָר סע הייבט אָן טאָגן פאַר זיינע פענסטער, שפרינגט ער אַראָפּ, טוט זיך אָן, און לויפט אין שטאַל אַריין זען זיין אוצר. זעטיקן זיך מיט אים. אַ פרייד נעמט אים דורך. אַלץ איז אָפן אָרט. ער גיט אַ נעם די דעק, צעשאַרט דאָס היי, און — אַ קעלט באַזעצט אים. האַלץ, סע ליגן עטלעכע שטיקער האָלץ. אַלץ גיט זיך אַ וויג אונטער אים. ער פאַלט שיר־נישט פון די פיס.

אַז ער קומט צו זיך, גיט ער זיך אַזאַ וויש מיטן אַרבל דעם שטערן, ווי ער וואָלט וועלן די גאַנצע מעשה אַרויסווישן פון זיין קאָפּ אַרויס. אַ פאַרבלענדעניש.

און ער כאַפּט אַ האַק, צעהאַקט די צווייגן אַף שטיקלעך און אַ סוף. זאָל קיינער נישט וויסן. אַ חרפה. אַן אמתע חרפה.

אַלץ איז געבליבן ווי געווען. די רייכע שכנים האָבן זיך געפירט ווי זיי האָבן זיך אַלעמאָל געפירט. פון זייער נסיעה האָבן זיי קיינמאָל נישט גערעדט. אַ פאַרבלענדעניש.

איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו דעם אָרימען פאַרמער.

זינט דער מעשה מיט די צוויי רייכע שכנים איז אַריבער אַ לאַנגע צייט. דער אָרימער פאַרמער, וואָס האָט אַמאָל אַריינ־גענומען דעם פרעמדן מיט זיין פערד און וועגעלע, איז געבליבן אָרים, אָרים ווי געווען. די קינדער זיינע האָט ער שוין דער־צויגן, זיי געשטעלט אַף די אייגענע פיס, און זיי אַלע אויסגעגעבן. זיין ווייב איז אים, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, געשטאָרבן, און ער אַליין איז געוואָרן אַלט. ער איז אָפט געזעסן און האָט גע־טראַכט פון דעם פרעמדן.

איינמאָל זיצט ער אַזוי און טראַכט, ער טראַכט פון די יאָרן, וואָס זענען אַריבער, און וויפל צרות ער האָט זיך דאָס אָנגעליטן אין זיין לעבן. ער דערמאָנט אויך זיינע פריידן. און אַז סע קומט צו דער מעשה מיט דעם פרעמדן, טראַכט ער, מע

דאָרף אַמאָל אַריבערפֿאָרן אים זען. דאָס זילבערנע געלייז איז געבליבן אַף דעם וועג ווי געווען. אינאיינוועגס וועט ער טאַקע מיטנעמען מיט זיך די גילדענע פּאַדקאָוועס און די שרויפּן און זיי אים אָפּגעבן. אויב נישט איצט — ווען דען? ער איז שוין אַלט. שוין לאַנג צייט געווען זיי אָפּצופירן. נאָר ער האָט קיינ־מאָל נישט געהאַט קיין צייט. דאָס גאַנצע לעבן איז ער געווען פֿאַרהאָרעוועט מיט דעם שטיקל ברויט.

ער הייבט זיך אויף, גייט און זוכט אַרויס דאָס קעסטל מיט די גילדענע פּאַדקאָוועס און די שרויפּן. וואָרן ער האָט זיי קיינ־מאָל נישט גערירט. זיי זיינען געלעגן ווי ער האָט זיי אַוועק־געלייגט. זיי זענען דאָך נישט זיינע. דערנאָך שפּאַנט ער איין זיין פֿערד און וועגעלע, די עטלעכע עופות אין הויף גיט ער אַביסל זאָמען, פֿאַרשליסט די שטוב, נעמט דאָס קעסטל און לאָזט זיך אין וועג אַריין מיט דעם זילבערנעם געלייז.

זאָגן זאָגט ער אויך קיינעם נישט, אַז ער פֿאָרט. נישט ווייל ער האָט מורא, מע וועט אים פֿאַרלויפֿן דעם וועג. ניין, אים פֿעלט אַזאַ זאַך אפֿילו נישט איין. נאָר גאָר פּשוט (פּאָשעט): — וועמען וועט ער זאָגן? דאָס ווייב איז טויט, די קינדער זענען פֿאַרנומען מיט זייערע אייגענע צרות (צאָרעס), און זיינע רייכע שכנים אַרט ווינציק וואָס ער טוט.

פֿאָרן פֿאָרט ער זיך פּאַמעלעך. וואָרן וואָס האָט ער זיך צו איילן?! ער פֿאָרט נישט נאָך קיין גליקן. און קיין יונגערמאַן איז ער אויך נישט, אַז ער זאָל זיך איילן. ער פֿאָרט דורך פֿעלדער, דורך דערפֿער, און ווידער פֿעלדער. קומט ער צו צו אַ וואַסער — לאָזט ער דאָס פֿערד טרינקען. פֿאַרנאַכט — שטעלט ער זיך אָפּ, שפּאַנט אויס דאָס פֿערד, בינדט עס צו צום וועגעלע און גיט אים עסן. אַליין בייסט ער אויך עפּעס איבער, און לייגט זיך אַריין אין וועגעלע אַריין שלאָפֿן.

אין דרויסן איז שפּעטער זומער, און די נאַכט איז שיין און וואַרעם. ער איז געוווינט צו שלאָפן אָף דער פריי, אונטער גאָטס פרייען הימל. ער איז נישט איינמאָל געשלאָפן אין פעלד און האָט געהיט דאָס ביסל תבואה (טוואוע) זיינע.

מיט טאָג צוגלייך איז ער אופגעשטאַנען. ער גייט אַראָפּ צום וואַסער, וואַשט זיך, טרינקט אָן זיין פערד, און לאָזט זיך ווייטער אין וועג אַריין. דורכן טאָג שטעלט ער זיך אָפּ אַ פּאָר מאָל, דאָס פערד זאָל רוען. ער פיטערט עס, גיט אים אַביסל האָבער, און ווייטער מיט דעם זילבערנעם געלייז.

אַזוי פאָרט ער עטלעכע טעג כסדר (קסיידער). נישט גע־איילט. ביז ער קומט אין דעם ווייסן וואַלד אַריין — דעם בערעזע וואַלד, וואָס אַזוי איז דאָס אַ וואַלד ווי אַסך בערעזע וועלדער. נאָר שטיל, פאַרגליווערט, טויט.

ער גייט אַראָפּ, און גייט צופוס ביי דער זייט פון זיין פערדל. ער באַקוקט די האָזן, די הערשן, און די אַנדערע חיות און פייגל. אַ גרויס אומגליק האָט דאָ אַמאָל געמוזט געשען. זעט אויס, זיי זענען לעבעדיקערהייט פאַרגליווערט געוואָרן. אַ רחמנות (ראַכמאָנעס).

ער דערמאָנט זיך אָן דער מעשה סדום (סדאָם), און ווי לוטס (לאָטס) ווייב איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ טאָלטן זאַלץ. ער דערמאָנט זיך אין אַנדערע מעשות און אומגליקן.

אַזוי גייענדיק איז ער דורכגעגאַנגען דורך דעם וואַלד, און אַז ער איז אַרויס אָף דעם אָפענעם פעלד, האָט ער דערזען דאָס, וואָס זיינע רייכע שכנים האָבן פאַר אים געזען אַמאָל: שטי־בער, און ביי יעדער שטוב שטאַנגען מיט אַלערליי פליישן. און ביי יעדער שטאַנג פלייש רייסן זיך צוויגן איבער דעם פלייש. זיי בילן און בייסן זיך. ס'איז אַ גאָטס רחמנות. נאָר קיינער קומט אפילו נישט אַרויס צו צעטרייבן זיי.

די שטיבער, זעט אוים, זענען פוסט. ער פּריוווט זיי פּאַ־נאַנדערטרייבן מיט זיין בייטש, נאָר זיי לאָזן זיך, זעט ער, אָפּ אים. און ער טרעט ליבערשט אָפּ, וואָרן ער פאַרשטייט, אַז ער וועט דאָ גאָרנישט ניט קענען העלפן.

און דאָ זעט ער אָף דעם גרינעם פעלד שלאָגן זיך ציגן איבער פּאַשע. שטעכן און שטויסן זיך. פאַראַן גענוג פּאַשע פאַר זיי אַלע און — זיי לאָזן נישט איינע די אַנדערע פּיטערן זיך. ער וויל שלום (שאָלעם) מאַכן, וואָרן צווישן חיות דאַרף מען אויך אַמאָל שלום מאַכן. ער גייט צו, טרייבט זיי פּאַנאַנדער — ציגן זענען נישט קיין צויגן — אָבער ווי נאָר ער טרעט אָפּ, זיי שלאָגן זיך שוין ווידער. אַ צער־בעלי־חיים. ער טרייבט זיי ווידער פאַנאַנדער. נאָר סע העלפט נישט. און ער קריגט נאָך דערוויל עטלעכע זעץ מיט זייערע הערנער.

נאָך דעם פעלד קומט ער אין דעם אייזערנעם וואַלד אַריין מיט די אייזערנע חיות. און נאָך דעם וואַלד — ווידער אַן אָפן פעלד מיט שטיבער און שטאַלן. דאָ זעט ער די חזירים, וואָס בייסן און רייסן איינער דעם אַנדערן שטיקער פלייש פון דעם לייב. ער גייט צו, וויל עפּעס טון, העלפן. טאַקע חזירים, אָבער דאָך אַ רחמנות אָף זיי. צווישן חזירים איז אָבער אַ סכּנה זיך צו מישן.

ער גייט ווייטער מיט זיין פערד און וועגעלע. קומט אין שטיינערנעם וואַלד אַריין, און נאָכדעם — אין דעם קופּערנעם וואַלד. נאָך דעם שטיינערנעם וואַלד זעט ער אָפן פעלד די אָקסן, וואָס דרייען ריזיקע מילשטיינער און באַגיסן זיך מיט בלוט. ער פּריוווט אָפּטרייבן די שפּאַרבערס, וואָס פּיקען זיי מיט די שנאָבלען. אָבער אומזיסט. און נאָך דעם קופּערנעם וואַלד זעט ער הונגעריקע מענטשן יאָגן זיך אַרום דרייענדיקע פרוכט־ביימער. און אַז איינער רייסט שוין אַמאָל אָפּ אַן עפּל, אָדער

אַ באַר — פּלאַצט די פּרי (פּיירע) ווי נאָר ער נעמט זי צו די ליפּן. דאָ זעט ער אויך די דאָרשטיקע אַרום די ברונעס, וואָס האַלטן אין איין שעפּן וואַסער, און ווי נאָר איינער נעמט דעם עמער צום מויל — גיסט זיך דאָס וואַסער אויס צוריק אין ברונע אַריין.

ער קאָן ווייטער נישט פּאָרן. ער וויל זיי העלפן. מע טרייבט אים אָבער אַוועק. זיי מיינען, אַז נאָך אַ הונגעריקער, נאָך אַ דאָרשטיקער, איז צוגעקומען.

מיט אַ שווער האַרץ פּאָרט ער ווייטער. ער קומט אין דעם זילבערנעם נאָדלוואַלד. אַזויפיל שיינקייט, אַזויפיל וואונדער. נאָר אים דערפרייט עס נישט. ער טראַכט פון די אומגליק־לעכע, זיין האַרץ איז פול מיט צער. וואָרן דער, וואָס האָט אַליין געליטן, דער פילט מיט דיליידן פון אַנדערע. ער קוקט זיך קוים אום אַף די שלאַנקע זילבערנע פיכטן און טאַנען, אַף די ווייסע עלפאַנטן און בופלען.

דאָס זילבערנע געלייז ציט זיך ווייטער. נאָך דעם וואַלד — אַ ברייטער טאָל מיט פעלדער פּעטע, צעאַקערטע. אַף יעדער בייט —אַ מענטש, זיצט און פרעסט די פּעטע ערד. שטופּט אין זיך און שטאָפּט. דער בויך גייט אים אויף ווי אַ באַרג. און אַז ער קאָן שוין מער נישט פרעסן, הייבט ער אָן יאָמערן און קלאָגן. מע זעט, ער ליידט מוראדיקע שמערצן און ווייטיקן. דער פּאַר־מער לויפט צו, וויל אים ראַטעווען, העלפן. נאָר יענער האַלט זיך ביים בויך און שרייט, ביז ער פּלאַצט. נאָכן פּלאַצן, בלייבט ער ליגן ווי טויט. סע נעמט אָבער נישט לאַנג און ער קומט צו זיך. דעמאָלט הייבט ער זיך אויף און הייבט אָן אָפּסניי עסן און פרעסן. פרעסט און שטופּט אין זיך די ערד, ביז ער פּלאַצט ווידער. און אַזוי אַף יעדער בייט — אָן אַנדערער, אַן אַנדערער.

אזויפיל לײדן, אזויפל געװײן און געשרײ, אז דער אָרימער פּאָרמער קאָן דאָס קוים איבערטראָגן.

אז ער איז אַריבער דעם יאַמערטאָל — האָט שוין פון װײטן אָנגעהויבן בלענדן אַזאַ פינקלדיקײט, װי זיבן זונען װאָלטן דאָרט געשײנט.

ער נעענטערט זיך צו דעם צעדערװאַלד. שוין פון װײטן זעט ער אוים אַזוי שײן, װי אין די מעשות, און אפשר (עפּשער) נאָך שענער.

דער פּאָרמער פאָרט נאָך אַריבער אַ רוישעדיקן טײך, און — שוין איז ער אין דעם װאַלד. טװיזנטיעריקע צעדערבײמער און ציפּרעסן, און אַלץ פון גאָלד. און אויף די בײמער — אָדלערס גילדענע, און צװישן די בײמער אַלערלײ גילדענע חיות: היענעס, נאָזהאָרנס, קראָקאָדילן, דראַכן און שלאַנגען גיפטיקע: פּיפּער־נאָטערס, עקדישן. אַ גליק — זײ זענען פון גאָלד. װײטער װאָלט דאָס לעבן נישט װערט געװען קײן פּרוטה.

אַ מענטש שטאָפּט זיך מיט גאָלד

און אָרום און אַרום — גאָלד און גאָלד. ער רירט זיך אָבער אפילו נישט צו צו דעם. ס'איז נישט זיינס. און חוצדעם — נישט אין רייכקייט ליגט דאָס גליק.

נאָך דעם וואַלד —אַ באַרג. אַ נאַקעטער באַרג, נאָר אָנ־געשאָטן מיט גאָלד. און אַף דעם באַרג ליגן מענטשן און שטאָפּן זיך מיט גאָלד. קאָנען גאָרנישט ניט זאַט ווערן. און אַז דער בויך איז זיי שוין גאָר פול — הייבן זיי אָן קלאָגן און יאָמערן, ביז זיי פּלאַצן. אַז זיי קומען צו זיך, הייבן זיי זיך אָן שטאָפּן אָפּסניי מיט דעם גאָלד. און אַזוי אַלע, און אַזוי כּסדר.

עפּעס הייבט ער אָן צו פאַרשטיין, דער פאַרמער, נאָר נישט קלאָר.

נאָך דעם באַרג איז ער פאַרפאָרן אין אַ וואַלד פון ביימער — מענטשן־ביימער און חיות־ביימער. יעדער מענטשן־בוים האָט צווייגן־הענט און יעדער חיה־בוים האָט לאַפּע־צווייגן. און איי־נער דעם אַנדערן האַקט און שניידט און שטעכט, ווי אַף אַ שלאַכטפעלד. און אַז איין מענטש־בוים האַקט אַפּ דעם צווייטן מענטש־בוים אַ האַנט־צווייג — וואַקסט גלייך אויס אַן אַנדערע, און אַז איינער האַקט אונטער דעם צווייטן — איז ווי נאָר ער דרייט אויס זיין קאָפּ — וואַקסט דער אונטערגעהאַקטער בוים־מענטש גלייך אויס צוריק.

און דאָסזעלבע איז מיט די חיה־ביימער. אַז איינער רייסט אָפּ דעם צווייטן דאָס חיה־פּנים מיט אַ לאַפּע־צווייג — וואַקסט גלייך אויף צוריק דאָס פּנים. אַ מלחמה (מילכאָמע) אַף טויט און לעבן. נאָר קיין טויט איז דאָ נישטאָ. און לעבן — ווײ צו אַזאַ לעבן!

דער פאַרמער וויל פאַרשטיין וואָס דאָס באַטייט, נאָר פאַרשטיין פאַרשטייט ער עפּעס נישט קלאָר. ער גייט מיט דעם זילבערנעם געלייז. אים טשעפּעט מען נישט.



מענטשן־ביימער און חיה־ביימער מיט לאַפּע־צווייגן

אַזוי איז דער פּאַרמער זיך פּאַמעלעך צוגעקומען צו אַ גרויסער, געמויערטער וואַנט. אַ קיילעכיקע, און זי ציט זיך אַזוי ווייט, אַז דאָס אויג זעט נישט קיין סוף. ער, דער פּאַרמער, האָט אַמאָל געהערט פון דער גרויסער כינעזישער וואַנט. נאָר דאָס מוז זיין אַן אַנדערע. די — איז געבויט פון אַלערליי טייערע שטיינער.

און ער זעט, אַז ער שטייט פאַר אַ טויער פון ווייסן גאָלד, באַזעצט מיט צוועלפערליי טייערסטע שטיינער. דאָס זענען זי־כער די צוועלף מינים שטיינער פון דעם אורים־ותומים, וואָס ווערן דערמאָנט אין חומש. און דאָס זילבערנע געלייז ציט זיך ביז דעם טויער.

ער שפּאַנט אוים דאָס פערד, גיט אים עסן, און אַליין נעמט ער דאָס קעסטל מיט די גילדענע פּאַדקאָוועס און מיט די שרויפן און פּריווט עפענען דעם טויער. און ווי נאָר ער רוקט אוף דעם ריגל — עפנט זיך דער טויער אַליין.

ער בלייבט שטיין. ער איז פּאַרקישעפט. ווען ער וואָלט אַפילו געווען לויטער אויגן — וואָלט ער נישט געקאָנט אָנקוקן אַלץ, וואָס דאָ איז געווען.

אַ גאָרטן — אָן אַ סוף, מיט אויבסביימער פון אַלע מינים. טייל ביימער בליען, אַנדערע — זענען שוין פול מיט צייטיקע פּירות. און די בליטן און די פּירות גיבן אַרויס טייערע ריחות (רייכעס), און פּאַרשמעקן גאָר דעם גאָרטן. און טאָלן און טייכ־לעך און קוואַלן. ער ווערט ווי ניי געבוירן. די קוואַלן ריזלען, די טייכלעך — רוישן, מורמלען. און אַף די ביימער פייגל — רויטע, גרינע, געלע. און זיי זינגען, אַז סע צעגייט זיך אין אַלע אברים (אייוורים).

איז דאָס אַ חלום (כאָלעם)? אפשר חלומט זיך אים דאָס? איז דאָס וואָר? ער קוקט און קאָן זיך זאַט נישט אָנקוקן. ער

קוקט און גייט ווייטער. און כּסדר מיט דעם זילבערנעם געלייז. ער טרעט נישט אָפּ פון אים.

ער גייט דורך וועלדלעך און פּליינען, דורך לאָנקעס און גערטנער. ער גייט, און — די מידקייט פון דעם לאַנגן וועג — פאַרשווינדט. ער פילט זיך פריש און אופגעראַמט. טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן, טרערן פון פרייד.

דאָ און דאָרט שטעלט ער זיך אָפּ, באַטראַכט, הערט זיך צו. ערשט, זע — דער פרעמדער! פון צווישן די קוסטעס און ביימער — קומט אים אַנטקעגן דער פרעמדער.

— זיי געבענטשט, — גריסט אים דער פרעמדער און גיט אים שלום.

דער פּאַרמער קומט צו זיך. דער פרעמדער האָט זיך גאָר־נישט ניט געענדערט. ער איז פּונקט ווי געווען.

— דאַנקען גאָט. איך האָב דיך קוים געפונען. וואו בין איך? וואָס איז דאָס, וואָס איך האָב געזען און זע פאַר מיר?

— נאָר לאָמיך דיר קודם (קוידעם) אָפּגעבן די פּאָדקאָוועס און די שרויפן. דו האָסט זיי פאַרלוירן, ווען דו ביסט געהאַט געווען ביי מיר.

און ער נעמט אַרויס פון קעסטל די פּאָדקאָוועס און די שרויפן און דערלאַנגט זיי דעם פרעמדן. יאָ, דער פרעמדער געדענקט, ער האָט דאָרט געלאָזן די פּאָדקאָוועס. און ער נעמט און לייגט זיי אַוועק אין גראָז.

דערנאָך נעמט ער דעם פּאַרמער אונטערן אָרעם, פירט אים דורך דעם גאָרטן, ווייזט אים אָן אָף יעדער זאַך און דערקלערט אים וועגן עס זעענען די חיות, בהמות און מענטשן, וואָס ער האָט געזען אָף דעם וועג אַהער. ער דערקלערט אים איינס נאָך איינס.

און בעת דער פרעמדער דערקלערט אים אַזוי יעדע זאַך, דערמאָנט זיך דער פּאַרמער, אַז ער האָט געלאָזט דאָס פערד



דער טויער פון ווייסן גאָלד

זיינס אַף יענער זייט טויער, און אַז ס׳איז צייט שוין צו געבן אים טרינקען. זאָגט ער צום פרעמדן:

— איכ׳ל איצט גיין אַ קוק טון אַף מיין פערדל. איך האָב עס געלאָזט אויסערן טויער. צייט אים צו געבן טרינקען.

דער פרעמדער באַגלייט דעם פאַרמער דורך די גערטנער, טאָלן, טייכלעך און לאָנקעס. אַזויפיל שיינקייט! נאָר סע באַקומט אים עפּעס נישט. ער טראַכט פון די אומגליקלעכע באַשעפענישן, וואָס ער האָט געזען, און פון די רייד, וואָס ער האָט נאָרוואָס געהערט פון דעם פרעמדן. און אַז זיי קומען צו צום טויער, זאָגט דער פרעמדער צו דעם פאַרמער:

— אַלטער, פאַרבלייב דאָ, אויב דיר געפעלט.

טראַכט דער פאַרמער:

פאַרבלייבן? אפשר. און אין אַ ווייל אַרום: — טאַקע, וואָס וועט ער צוריקפאָרן אַהיים? די קינדער זענען שוין, דאַנקען גאָט, פאַרזאָרגט; קיין ווייב האָט ער נישט — זי איז טויט; אַליין — איז ער אַלט. וואוהין וועט ער גיין? — נאָר איין זאַך קוועלט אים: די אומגליקלעכע. זאָגט ער:

— נו, און די חיות, און די מענטשן אַפן וועג?

שמייכלט דער פרעמדער. און אין אַ ווייל אַרום:

— גוט, קום, מיר׳ן זען.

און זיי זענען ביידע אַוועק העלפן די אומגליקלעכע. אָבער דאָס געהערט שוין צו אַן אַנדער מעשה.



פאַרצייכעניש

מעשות

דער אָרימער ברודער און דעם מלך שלמהס קלוגע רייד 8
די כלה, דער חתן מיט זיינע געזעלן, און דער מלך, דער אַכזר,
אַף דער אַנדערער זייט פון די פינסטערע בערג 20
די מעשה מיט די פיר ברידער און דעם בעטלער 46
דאָס קלוגע מיידל 69
די מעשה מיט דעם בחור, דעם שלימזל 74
א גאַסט אין כעלעם 93
דער פרעמדער, דער פאַרמער, און דאָס רייך אַף יענער זייט טייך 114

צייכנונגען

מעשות (שער־בלאַט)
דער פיש מיט דעם אָרימען ברודער 13
דער אָרימער ברודער גראָבט אויס אַ טאָפּ גאָלד 17
דער רייכער ברודער און דער וואָלף 19
אין מלכס הויף. די באַשעפענישן מיט פנימער ווי ביי מענטשן 23
לויפט נאָך האָזן מיט מילשטיינער אַף די פיס 35
דער ים־זויפער 45
די פיר ברידער און דער בעטלער 47
די ביימער ווערן מילן 51
דער בעטלער ביי דעם שטיבל פון דעם ייִנגסטן ברודער 63
דער שטיין 70
דער בחור קומט צו צו די פישער 79
דער בחור ביי איינער פון די בריקן מיט טערעמער 89
דער בחור מיט דעם געפונענעם געלט אָפּן וועג קיין כעלעם 95
דער בחור אַף דער שוועל פון דעם באָד 100

דער פֿאַרמער אין שטאַל 117
הענער שלאָגן זיך 123
אָקסן, געטריבן פֿון רויבפֿייגל, דרייען ליידיקע מילשטיינער 125
אַ מענטש, וואָס שטאָפּט זיך מיט גאָלד 136
מענטשן־ביימער און חיה־ביימער מיט לאַפּע־צווייגן 138
דער טויער פֿון ווייסן גאָלד 141